NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04142

# ARBETS-BUKH FAR IDISHER GESHIKHTE

Hyman B. Bass

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ח. בעז (בעזפראָזוואַנער)

# אַרבעטס־בוך פֿאַר אידישער געשיכטע

פון די וואַנדערונגען אין מדבר ביז
די אידן ווערן פאַרטריבן קיין בבל



ISBN:0-657-04142-4

Digitized by the Internet Archive
in 2011 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/nybc204142

ה. בעז (בעזפּראַזוואַני)

# אַרבּעטס־בּוך
פאַר
# אידישער געשיכטע

פון די וואַנדערונגען אין מדבר ביז
די אידן וערן פאַרטריבן קיין בבל

מיט אויפגאַבן, פראַגן, קאָלעקטיווע אַרבעטן, מאַפּעס
און אָפּבילדונגען פון עגיפּטישע און
אַסירישע דענקמעלער

פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט ניו יאָרק.

Copyright
By H. Besprosvany
New York, 1931

# פֿאָרוואָרט

דאָס אַרבעטס־בוך פֿאַר אידישער געשיכטע, וואָס איך לייג דאָ פֿאָר פֿאַר די לערער, איז אַ באַשיידענער פּרואוו צו מאַכן געוויסע אויסבעסערונגען און אַריינברענגען עטלאַכע נייאיקייטן אינ׳ם לימוד פֿון געשיכטע פֿאַר אינגערע קינדער.

דאָס אַרבעטס־בוך וויל ניט מאַכן קיינע איבערקערענישן אינ׳ם געשיכטע־לימוד, עס איז נאָר אויסן צו מאַכן די אידישע געשיכטע איינפֿאַכער, פּשוט׳ער, מער אָרגאַניזירט, מער קאָנצענטרירט און מער אינטערעסאַנט פֿאַר די קינדער.

מעשות האָבן אַלע קינדער ליב, אָבער ווען עס קומט צו פֿאַרשטיין, צו־פֿאַרבינדן פֿאַקטן, צו אַרויסדרינגען צוזאַמענהאַנגען, דאָ נעמען די קינדער קנייטשן דעם שטערן און דער לערער בלייבט אָפֿטמאָל אומבאַהאָלפֿן.

אינ׳ם אַרבעטס־בוך האָב איך פּרובירט אַרויסהעלפֿן די קינדער און דעם לערער דורכדעם, וואָס איך האָב פּרובירט אָרגאַניזירן די פֿאַרענטפֿערונג פֿון פּראָבלעמען אַזוי עלעמענטאַר און פּשוט, אַז די קינדער זאָלן טאַקע דאַרפֿן טראַכטן און פֿאַר־שטיין, אָבער אויסגעשעפּט און אומצופֿרידן זאָלן זיי פֿון דער פּראָבלעם ניט אַוועק.

די מאַפּעס, די אָפּבילדונגען פֿון עגיפּטישע און אַסירישע דענקמעלער, די אויפֿ־גאַבן און קאָלעקטיווע טאַבעלן וועלן, גלויב איך, אַ שפּאָר ביסל פֿאַרגרינגערן און אויך פֿאַרטיפֿן די קענטענישן פֿון די קינדער.

איבערהויפּט האָב איך אַלעמאָל געזוכט, אַז די קינדער אַליין זאָלן האָבן וואָס צו טאָן, זאָלן ווערן מער טעטיק.

צוליב דעם האָב איך אַ שפּאָר ביסל פֿאַראיינפֿאַכט די ערשטע לעקציעס. גלייך אָנהויבן מיט אַזאַ קאָמפּליצירטן ווערטער־מאַטעריאַל, ווי סעמיטן, בני־ישראל, אָבות, עברים, עבר־הירדן, כנען, ארץ־ישראל, בהמות, טשערעדעס צעטומלט שוין די קינ־דער, איידער עס לערנט זיי נאָך וואָס ניט איז אויס. כ׳הויב דעריבער פּשוט אָן מיט׳ן לעבנס־שטייגער פֿון די ערשטע אידן. די מער גענויע באַגריפֿן וועלן זיך ביי די קינדער ביסלאַכווייז שפּעטער איינשטעלן.

דאָס בוך איז בשום אופן ניט אויסן צו מאַכן „איבעריק” דעם לערער אָדער צו באַפֿרייען אים פֿון זיין חוב — לעבעדיק, אינטערעסאַנט און קרעפֿטיק איבערצו־געבן די לעקציעס פֿון אידישער געשיכטע; דערציילן, דערפֿרייען, אָנרעגן און פֿאַר־אינטערעסירן דאָס איז דעם לערער׳ס עובדא.

ערשט נאָכדעם ווי דער לערער האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן, קען צו הילף קומען דאָס אַרבעטס־בוך.

דער פּלאַן פֿונ׳ם בוך איז אַזאַ: צוערשט קומען אַלעמאָל פֿינף אָדער מער פֿראַגן. דאָס זיינען די פֿראַגן, וואָס נעמען אַרום דעם אינהאַלט פֿון דער געשיכטע.

די קינדער דאַרפֿן אין אַ שמועס, מער אָדער ווייניקער זיין אימשטאַנד צו ענט־פֿערן מינדלאַך אויף די פֿראַגן.

נאָכדעם בעט דער לערער, אַז די קינדער זאָלן שטילערהייט לייענען די אויפֿגאַבן און מאַכן די פּאַסיקע צייכנס, אָדער אַריינשרייבן די נויטיקע ווערטער.

ווען די קינדער זיינען פארטיק געוואָרן דערמיט, בעט דער לערער אז די קינדער זאָלן איינציקווייז לייענען די ענטפערס. דער קלאַס דיסקוטירט, צי זיי זיינען ריכטיק אָדער ניט, און אויב די קינדער האָבן געמאַכט פעלערן קאָרעגירן די קינדער אַליין זייערע העפטן.

די אויפגאַבן אינ'ם בוך ווערן כסדר וואַריאירט, כדי די אַרבעט זאָל ניט ווערן לאַנגווייליק פאַר די קינדער. עטלאַכע גרונט־אידייען חזר'ן זיך פון צייט צו צייט איבער.

עס איז זייער ווינשנסווערט אז די קינדער זאָלן אויסער דעם אַרבעטס־בוך אויך האָבן אַ געשיכטע־העפט.

אין העפט וועלן די קינדער אַריינשרייבן אַלע ריכטיקע ענטפערס צו די פראַגן און אויפגאַבן וואָס ווערן געבראַכט אינ'ם אַרבעטס־בוך. דאָרט קענען זיי אויך אַריינקלעפן נאָכגעצייכנטע מאַפּעס, נייע בילדער און אילוסטראַציעס, ציילונגס־אויס־שניטן, קאָמפּאָזיציעס, באַריכטן (למשל, אַ באַריכט פון אַ באַזוך אין אַ מוזייאום), באַמערקונגען פונ'ם לערער א. ד. גל.

עס וואָלט אויך געווען גוט ווען יעדע קאָלעקטיווע טאַבעלע ווערט איבער־געשריבן אויף אַ גאָר גרויסן פּאַפּיר און געפינט זיך פאַר אַ געוויסער צייט אין קלאַס. דער לערער און די קינדער וועלן ביי שמועסן און דיסקוסיעס אָפט קענען אויף אַן אָנשוילאַכן אופן אויסנוצן די דאָזיקע טאַבעלן.

אַן אינטערעסאַנטע און נוצלאַכע אַרבעט וואָלט אויך געווען צו פאַרגרעסערן די פאַראַנענע מאַפּעס פונ'ם אַרבעטס־בוך, קאָלירן זיי, ווען מעגליך אויך אילוס־טרירן און האָבן פאַר אַ געוויסער צייט אויפגעהאָנגען אינ'ם קלאַס־צימער.

די פאַרגרעסערונג פון די מאַפּעס קענען לייכט געטאָן ווערן מיט אַ „פּענטאַ־גרעף”, אזא אינסטרומענט ביים צייכענען, וואָס אפילו אַ קינד קען באַנוצן און קאָסט ניט טייער.

די פאַרגרעסערטע טאַבעלן און די פאַרגרעסערטע מאַפּעס קענען געטאָן ווערן פון איינצלנע קינדער אָדער פון קאָמיסיעס, אָבליגאַטאָריש זיינען זיי ניט.

איך באַטראַכט די ערשטע אויסגאַבע פונ'ם אַרבעטס־בוך פאַר אַן עקספּערי־מענטאַלער. ענדערונגען וועלן מסתמא דאַרפן אַריינגעבראַכט ווערן. די דערפאַרונג אין קלאַס וועט דערביי זיין פון דער גרעסטער וויכטיקייט.

איך בעט דעריבער אַלע קאָלעגן לערער, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיט'ן אַרבעטס־בוך, צושיקן אַזוי שנעל ווי מעגלאַך זייערע באַמערקונגען, אָנווייזונגען א. ד. גל.

מיט זייערע עצות וועל איך זיך בלי ספק רעכענען ניט בלויז ביים אַרויסגעבן, אויב עס וועט נייטיק זיין, אַ צווייטע אויפלאַגע פונ'ם ערשטן בוך, נאָר דער'עיקר'שט ביים צוזאַמענשטעלן די אַרבעטס־ביכער פאַר די ווייטערדיקע תקופות אידישע געשיכטע .

אַלע אָנמערקונגען דאַרפן געשיקט ווערן אויפן אַדרעס פון פאַרלעגער:

H. Besprosvany, c/o M. Maisel's Book Store, 424 Grand St., New York

איך וויל לסוף האַרציק באַדאַנקען דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג, און באַזונדערס דעם בילדונגס־דירעקטאָר, פריינד פ. געליבטער, און אויך די קאָלעגן ז. יעפּרויקין און ח. קאַנטאָראָוויטש, פאַר זייער וואַרימען אינטערעס און הילף וואָס זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן ביים צוזאַמענשטעלן און אַרויסגעבן דעם בוך.

דער מחבר.

# 1. אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס די ערשטע אידן

א) וואו האָבן די ערשטע אידן געלעבט ?

ב) מיט וואָס האָבן זיי זיך באַשעפטיקט ?

ג) פאַרוואָס האָבן די ערשטע אידן געמוזט וואַנדערן ?

ד) פאַרוואָס האָבן זיי געלעבט אין געצעלטן און ניט אין קיין הייזער ?

ה) פאַרוואָס האָבן די ערשטע אידן גלייך זיך ניט באַזעצט אויף אַ לאַנד ?

ו) מיט וויפיל יאָר צוריק האָבן די ערשטע אידן געלעבט ?

# די אַלטע וועלט
# מיט פיר טויזנט יאָר צוריק



# שווערע ווערטער זיינען שווער אַזוי לאַנג ווי מען פאַרשטייט זיי ניט

פּאַסטוכער . . . . ערד־אַרבעטער . . . . געצעלטן . . . .

מדבר (מידבאַר) . . . . כנען (קנאַאַן) . . . .

ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַדייטן? געפין אויס און פאַרשרייב.

## ווי האָבן געלעבט די ערשטע אידן?

אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט. געפין אויס דאָס נויטיקע וואָרט אין קאָלום וואָס געפינט זיך לינקס. שרייב צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ.

| | |
|---|---|
| די ערשטע אידען זיינען געווען ___ | ערד־אַרבעטער |
| זיי האָבן געוואַנדערט אין — — — — — — — — | עגיפּטן |
| קיין הייזער האָבן זיי ניט געבויט, זיי האָבן געלעבט אין — — — — — — — — — — | כנען |
| די ערשטע אידן זיינען געווען פּאַסטוכער און פאַרמאָגט אַ סך ציגן און — — — — — — — — | שטעט |
| דאָס לעבן פון אַ וואַנדערער איז שווער און פול מיט געפאַרן. די אידישע וואַנדערער האָבן דעריבער געוואָלט אַריינדרינגען אין „לאַנד פון מילך און האָניק" — אין — — — — | מדבר |
| דאָרט זיינען שוין די מענשן פון לאַנג געווען — — — — | שעפּסן |
| די אידן האָבן דאָס אָבער ניט געקענט טאָן, ווייל די באַוואוינער פון לאַנד האָבן געהאַט שטאַרקע — — — — — — — — — — — — | געצעלטן |
| איינמאָל, אין צייט פון אַ הונגער, זיינען די ערשטע אידן אַוועק קיין — — — — — — — — — — — — | וואַנדערער |

## פאַרוואָס זיינען די ערשטע אידן געווען וואַנדערער?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

— ווייל אין מדבר איז הייס פלעגן די אידן אַנטלויפן פון דער היץ אין אַ קילן אָרט. ווען די זון פלעגט אָבער נאָך האַלבן טאָג אָנהייבן מער צו וואַרימען, פלעגן די אידן מוזן גיין זוכן אַ שאָטן אונטער די ביימער. אַזוי פלעגן זיי האַלטן אַ גאַנצן טאָג אין איין וואַנדערן.

— ווייל די שעפסן און ציגן פלעגן אויפעסן די גראָז פון איין געגנט פלעגן די אידן מוזן גיין זוכן גראָז ערגעץ וואו אַנדערש. גראָז איז אין מדבר פאַראַן ווייניק. צוליב דעם פלעגן די אידן מוזן וואַנדערן.

— ווייל די ערשטע אידן זיינען געווען ווי קליינע קינדער. זיי האָבן געוואָלט אומלויפן, וואַנדערן. אַז מען וואַנדערט, זעט מען די גרויסע וועלט, ס'איז ניט גוט צו זיצן אַלעמאָל אויף איין אָרט. צוליב דעם פלעגן זיי וואַנדערן.

## די ערשטע אידן אין מדבר.

לעבן די זאַכן, וואָס דו דענקסט אַז די אידן האָבן פאַרמאָגט, ווען זיי זיינען געווען וואַנדערער אין מדבר, שטעל אַוועק דעם צייכן +.

| | | |
|---|---|---|
| ציגן און שעפסן | מילך | אַ קעניג |
| עלעקטריק | קעז | פּאָליציי |
| הייזער | מעשות | מייאָר |
| געצעלטן | לידער | קעמלען |
| טעאַטער | סאָבוויים | מואווים |
| ביכער | פלייש | געזעצן |
| ראַדיאָ | קוכנס | אָרימע און רייכע |

מדבר (מידבאַר) . . . .     פּרוכטבאַר . . . .

דערפּער . . . .     עגיפּטן . . . .



וואַנדערער פון מדבר.

## די אַלטע וועלט מיט פיר טויזנט יאָר צוריק.

קוק זיך גוט צו און פּרוביר אויסגעפינען לויט דער מאַפּע נומ. 1:

א) וואו האָבן זיך געפונען די אַמאָליקע שטעט און דערפער, וואו איז די ערד געווען פרוכטבאַר, וואו איז געווען גענוג גראָז — נ אָ ע נ ט לעבן די טייכן, אָדער ו ו י י ט א ו ו ע ק פון די טייכן?

ב) וואָס פאַר אַ נוצן און וואָס פאַר אַ שאָדן קענען טייכן ברענגען פאַר די מענשן? וואָס זיינען גרעסער די נוצן אָדער דער שאָדן? וואו געפינען זיך היינט צו טאָג די גרעסטע שטעט?

ג) וואו איז בעסער צו לעבן: אין אַ לאַנד פון זאַמד און הימל — דאָס הייסט אין מדבר (מידבאָר) — אָדער אין די שטעט און דערפער, אין אַ לאַנד, וואו די ערד איז פרוכטבאַר און ס'איז פאַראַן גענוג גראָז? דערקלער פאַרוואָס?

ד) פאַרוואָס האָבן די אמאָליקע אידן לאַנגע יאָרן אומגעוואַנדערט אין הייסן מדבר און האָבן זיך ניט באַזעצט אין איינעם פון די לענדער ביי די טייכן?

## 2. אַ הונגער אין מדבר

א)  פאַרוואָס זיינען אַ טייל שבטים אַוועק קיין עגיפּטן ?

ב)  וואו האָבן זיי זיך באַזעצט ?

ג)  פון וואָס האָבן די אידן אין עגיפּטן געלעבט ?

ד)  צוליב וואָס האָט פּרעה געמאַכט די אידן פאַר שקלאַפן ?

ה)  וואָס פאַר אַ פּאַסירונגען אין לעבן פון עגיפּטן האָבן מעגלאַך געמאַכט די אידן זאָלן זיך קאָנען פון זייער שקלאַ־פעריי באַפרייען ?

# וואַנדערער פון מדבר קומען קיין עגיפּטן.





וואַנדערער פון מדבר קומען אָן קיין עגיפּטן בעטן מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין לאַנד. אין מדבר איז אַ הונגער, דער גראָז האָט אָפּגעטריקנט און קיין וואַסער איז ניטאָ.

דאָס בילד איז געמאָלן פון אַן עגיפּטישן מאָלער און איז אַלט מער ווי דריי טויזנט יאָר.

## אַ הונגער אין מדבר.




קוקנדיק אויף דער מאַפּע דערקלער: א) וואָס איז מיט די וואַנ־דערער געשען? ב) וואוהין זיינען זיי אַוועק? ג) פאַרוואָס?

## אָן וואָס דערמאָנט עס דיך?

(פרעג דעם לערער אויב די פאַרשטייסט עפּעס ניט)

| | |
|---|---|
| ביישפּיל: 1 —— מדבר (מידבאָר). | א) גענוג ברויט און וואַסער, פּיראַמידן. |
| 2 —— עגיפּטן. | ב) זאַמד און הימל, די זון ברענט. |
| 3 —— כנען (קנאַאַן). | ג) פּאַלעסטינע. |
| 4 —— אָאַזיס. | ד) אַ קוואַל וואַסער אין מדבר און אַרום —ביימער און גראָז. |

# דער קעניג פון עגיפטן



דאָס איז אַ בילד פון אַ פרעה (פּאַרע), דאָס הייסט אַ קעניג פון עגיפּטן. דער פרעה זיצט אויף אַ טייערן שטול און די שקלאַפן טראָגן דעם שטול אָנגעשפּאַרט אויף זייערע אַקסלען. פון פאָרנט גייען צוויי קנעכט מיט פעכערס.

פרעה טראָגט מיט זיך דריי זאַכן, וואָס ווייזן זיין מאַכט איבערן פאָלק.

אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ שטעקן פון אַ פּאַסטוך, פון שטעקן הענגען אַרונטער „לאָקשן”. דער שטעקן באַדייט, אַז פרעה וועט באַשיצן און אָפּהיטן זיין פאָלק, ווי אַ פּאַסטוך באַשיצט זיינע שאָף. די „לאָקשן” דערמאָנען אָבער, אַז ער וועט שמייסן און באַשטראָפן די אַלע וואָס וועלן אים ניט אויספאָלגן.

אין דער רעכטער האַנט האַלט פרעה אַ צלם (ציילעם), וואָס איז ביי די עגיפּטער געווען דער צייכן פון אייביקן לעבן.

שקלאַפן . . . . שקלאַפעריי . . . . פרעה (פאַרע) . . . .

ים . . . . כדי . . . . מדבר . . . .

ווייסטו וואָס די אַלע אויסדרוקן באַדייטן? געפין אויס און פאַרשרייב.

## שקלאַפעריי אין עגיפּטן.

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

## פרעה האָט געמאַכט די אידן פאַר שקלאַפן, ווייל ער האָט געוואָלט

— די אידן זאָלן שווער אַרבעטן און זאָלן פון דער שווערער אַרבעט אויסשטאַרבן.

— די אידן זאָלן פאַר אים אויפבויען שטעט און פּאַלאַצן. קיין מאַשינען זיינען אַמאָל ניט געווען, און כדי אויפצובויען גרויסע הייזער, פלעגן טויזנטער, טויזנטער מענשן מוזן אַרבעטן ביים שלעפּן שטיינער, גראָבן די ערד, בויען א. ד. גל. צוליב דעם האָט פרעה געמאַכט די אידן פאַר שקלאַפן.

— ווייל די אידן האָבן געוואָלט אַרויסטרייבן אַלע עגיפּטער און פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד עגיפּטן נאָר פאַר זיך אַליין.

# פּרעה׳ס שקלאַפן.



דאָס איז אַ בילד אויפגעמאָלן אויף פּרעה׳ס אַ פּאַלאַץ. די עגיפּ־טישע קעניגן האָבן ליב געהאַט צו באַרימען זיך און אויף זייערע פּאַלאַצן פלעגן זיי לאָזן אויפמאָלן בילדער צו באַווייזן זייער גרויסקייט.

אויפן בילד ווערן געוויזן געפאַנגענע פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס די עגיפּטער האָבן באַזיגט. צוויי פון די געפאַנגענע זיינען שוואַרצע פון אַפריקע, די איבעריקע זיינען וואַנדערער, ווי די ערשטע אידן זיינען אַמאָל געווען. די עגיפּטער האָבן זיי פאַרשקלאַפּט.

| |
|---|
| **שבט (שייוועט)** . . . . . . . . . . . |
| **שבטים (שוואָטים)** . . . . . . . . . . . |

# די אידן באַפרײַען זיך פון שקלאַפערײַ




קוקנדיק אויף דער מאַפּע רעכן אויס וואָס עס האָט מעגלאַך געמאַכט די אידן זאָלן קענען אַרויס פון עגיפּטן.

א) ______________________

______________________

______________________

ב) ______________________

______________________

______________________

## די אידן באַפרייען זיך פון שקלאַפעריי.



ניט קוקנדיק אויף די פריערדיקע מאַפּעס, ווייז אָן מיט פיילן און אויפשריפטן וואָס עס האָט מעגלאַך געמאכט די אידן זאָלן זיך קענען באַפרייען פון שקלאַפעריי.

# 3. משה דער באַפרייער

## די אידן אין מדבר.

א) ווער איז געווען דער פירער פון די באַפרייטע שבטים?

ב) וואָס דערציילן די לעגענדעס וועגן אים?

ג) פאַרוואָס האָט זיך משה פאַרנומען אויף אַ לאַנגן וועג דורכן מדבר און האָט ניט געפירט דאָס פאָלק דירעקט צום „נייעם לאַנד”?

ד) פאַרוואָס האָבן די וואַנדערונגען גענומען פאַר־העלטנישמעסיק לאַנג?

ה) ווער איז געווען יהוה און ווי האָבן זיך אים די אידן פאָרגעשטעלט?

ו) ווי האָט געווירקט דאָס לעבן אין מדבר אויפן גלויבן פון די אידישע וואַנדערער?

שווערע ווערטער זיינען גאָר ניט שווער אויב מען וויים וואָס זיי באַדייטן!

| | | |
|---|---|---|
| משה . . . . | יהוה (יאַהאָווע) . . . | דרום . . . . |
| מדבר . . . . | פּרעה . . . . . | דרום פּאַלעסטינע. . . . |
| כנען . . . | שקלאַפעריי . . . . | מורא . . . . |

ווייסטו וואָס די אַלע אויסדרוקן באַדייטן? געפין אוים און פאַרשרייב.

## משה און די אידן אין מדבר.

פאַרוואָס האָט משה ניט געפירט די אידן גלייך אין לאַנד כנען, פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרנומען אויף אַן אָפּגעלעגענעם און וויטן וועג אין מדבר?

(שטעל אוועק אַ „ל" לעבן די ענטפערס, וואָס זיינען גענומען פון די לעגענדעס. שטעל אַוועק אַ + לעבן די ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

— ווייל ער האָט געוואָלט, אַז אַלע אידן וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין עגיפּטן און זיינען אַמאָל געווען שקלאַפן, זאָלן אויסשטאַרבן אין מדבר און נאָר די פרייע, די וואָס זיינען קיינמאָל קיין שקלאַפן ניט געווען, זאָלן אַריינקומען אין נייעם לאַנד.

— ווייל ער האָט מורא געהאַט אָנצופאַלן אויף די שטאַרקע שטעט אין דרום פאַלעסטינע. די אידן זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק דאָס צו טאָן.

— ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן די וועגן אויף וועלכע קאַראַוואַנען פלעגן גיין. די קאַראַוואַנען־וועגן פלעגן אַמאָל באַשיצט ווערן דורך עגיפּטישע סאָלדאַטן. משה האָט זיי ניט געוואָלט באַגעגענען, וואָרים

פרעה׳ס סאָלדאַטן וואָלטן די אידן געכאַפּט און וואָלטן זיי געצוואונגען אומ־צוקערן זיך צוריק קיין עגיפּטן.

נאָכדעם ווי איר האָט אַלע אין קלאַס געשמועסט וועגן די ענט־פערס, שרייב אַרונטער אין דיין געשיכטע־העפט יענע ענטפערס וואָס דו ווייסט ז י כ ע ר אַז זיי זיינען ריכטיק.

פאַרן ענטפער פאַרגעס קיינמאָל ניט אָנצושרייבן אויך די פראַגע.



דאָס זיינען פרעהס סאָלדאַטן.

משה (מוישע) . . . . דרום (דאָרעם) . . . . כנען . . . .

דרום פּאַלעסטינע . . . . מורא (מוירע) . . . .

שווערע ווערטער זיינען שווער אַזוי לאַנג ווי מען פאַרשטייט זיי ניט. פאַרשרייב די באַדייטונג פון יעדן נייעם וואָרט. ביסטו זיכער

אַז דו זאָגסט איטלאַכס וואָרט אַרוים ריכטיק?

שבט (שייוועט) . . . . שבטים (שוואָטים) . . . .

עבר הירדן (אייווער האַיאַרדן) . . . .

## פאַרוואָס האָבן די אידן געוואַנדערט „פערציק יאָר" אין מדבר ?

(שטעל אוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

אײדער די אידן זיינען אָנגעפאַלן אויף כנען האָבן זיי אַ לאַנגע צייט געוואַנדערט אין מדבר ווייל

— די אידן האָבן זיך געשראָקן אָנצופאַלן אויף די באַפעסטיקטע שטעט פון כנען.

— ווייל די מענשן פון די שטעט זיינען געווען גוט צו די אידן. זיי פלעגן די אידישע וואַנדערער געבן ברויט און וואַסער. און ווי פאַלט מען דאָס אָן אויף גוטע פריינד?



אַן עגיפּטישער רייטוואָגן.

## ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַדייטן ?

| | | |
|---|---|---|
| פרעה . . . . | כנען . . . . | שקלאַפן . . . . |
| שבט . . . . | מדבר . . . . | ים . . . |
| שבטים . . . . | עבר הירדן . . . . . | געצעלטן . . . . |
| מצרים . . . . | פאַסטוכער . . . | יהוה (יאַהאַווע) . . . . |

## דאָס נייע לאַנד.



געפין אויס און נאָכדעם באַצייכן וואו עס געפינט זיך: א) דער ירדן, ב) דער מיטללענדישער ים, ג) דער טויטער ים, ד) דער עבר־הירדן (איוועער־האַיאַרדן). באַשטים וועלכע פייל ווייזט אָן דעם וועג מיט וועלכן די אידן זיינען געקומען קיין כנען און שרייב אָן איבער איר „דער וועג פון די אידישע וואַנדערער".

## 4. די אידן נעמען איין דאָס לאַנד כנען

א) ווי האָבן די אידן איינגענומען דאָס לאַנד כנען? מיט אַמאָל, ביסלאַכווייז, יעדער שבט באַזונדער, אַלע שבטים צוזאַמען?

ב) ווי פלעגן זיך די אידן באַגיין מיט דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג?

ג) האָט דאָס נייע לאַנד די שבטים מער פאַראייניקט אָדער, פאַרקערט, צעטיילט? דערקלער פאַרוואָס.

ד) מיט וועמען איז די אידן אויסגעקומען צו קעמפן?

ה) וואָס פאַר אַ צרות האָבן די אידן געהאַט אויסצושטיין די ערשטע צייט?

| | |
|---|---|
| שבט (שייוועט) . . . . | כנענים (קנאַאנים) . . . . |
| כנעני (קנאַאני) . . . . | מלחמות . . . . |
| מלחמה . . . . | ירדן (יאַרדן) . . . . |
| שבטים (שוואָטים) . . . . | עברים (איוורים) . . . . |
| עבר הירדן (אייווער האַיאַרדן) . . . . | |

## די אידן קומען אַריין אין נייעם לאַנד.

'שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס די האַלטסט פאַר ריכטיק.)

## די אידן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד כנען.

— אַלע שבטים מיט אַמאָל.

— יעדער שבט באַזונדער.

— ביסלאַכווייז, טיילווייז פאַראייניקט, טיילווייז יעדער שבט באַזונדער.

## אין פּאַלעסטינע האָבן פאַר די אידן געוואוינט:

— די עגיפּטער.

— כנענים.

— אראַבער.

## ווען די אידן זיינען אָנגעפאַלן אויפן לאַנד כנען, ווי פלעגן זיי זיך באַגיין מיט דער איינגעבאָרענער באַפעלקערונג?

שטעל אַריין די גויטיקע ווערטער

קיינמאָל ניט   אַלעמאָל   אָפט   אַלע   אַ טייל

דאָרט וואו מען דאַרף זיי:

פונקט ווי עס טוען ——— פעלקער אין דער צייט פון מלחמה, אַזוי פלעגן אויך די אַמאָליקע אידן ——— באַנוצן פאַלשקייט און נאַרערייי ביים פאַרכאַפּן נייע שטעט און דערפער.

די אַמאָליקע אידן פלעגן אויך ———————— אויסהאַרגענען די איינוואוינער פון די באַזיגטע געגנטן, אָדער מאַכן זיי פאַר שקלאַפן, אָבער דאָך ניט ————————.

עס פלעגט אָבער ——— טרעפן, אַז דאָרטן וואו די כנענים זיינען געווען גענוג שטאַרק, פלעגן זיי בלייבן זיצן אויף זייערע ערטער און פלעגן דאַרפן די אידן אָפּגעבן נאָר ——— פון זייערע פעלדער.

אידן מיט כנענים פלעגן דעמאָלט לעבן ווי נאָענטע שכנים.



מלחמה מיט אַ כנענישער שטאָט.

# 5. דאָס לאַנד כנען

דער נייער שטייגער לעבן אויפן לאַנד.

די שופטים.

א) וואָס זיינען געווען די באַשעפטיקונגען פון די כנענים ?

ב) מיט וואָס האָבן זיך די אידן באַשעפטיקט אין מדבר און מיט וואָס האָבן זיי זיך באַשעפטיקט אין כנען ?

ג) ווי האָבן זיך די כנענים פאָרגעשטעלט זייער גאָט בעל ?

ד) ווי אַזוי האָט זיך דער גלויבן אין בעל פאַרשפּרייט צווישן די אידישע ערד־אַרבעטער ?

ה) וואָס איז געווען אַ שופט ?

| | |
|---|---|
| שופט . . . . | שופטים . . . . |
| יהוה . . . . | בעל . . . . |



א כנענישער בעל (באַאַל) — דער פעניצישער זונען־גאָט



געצייג פון אַמאָל

| | | |
|---|---|---|
| שבט . . . . | ירדן (יאַרדן) . . . . | פאַראײניקן . . . . |

לײמענע און שטײנערנע טעפּ צו זאַמלען רעגן־וואַסער.



## דאָס לאַנד פּאַלעסטינע האָט

(שטעל אַוועק דעם צײכן + לעבן יענעם ענטפער, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

— אַ וואַרימען קלימאַט, בערג און טאָלן, ערד גוט צו באַאַרבעטן און פיטער פלעצער פאַר שעפּסן און ציגן.

— מילך און האָניק.

— בעסער לאַנד ווי עגיפּטן.

## דער ירדן

— באַפרוכפּערט דאָס לאַנד, מ׳קען אויף אים פאָרן מיט שיפן.

— טויג זיך ניט אויס צו פאָרן מיט שיפן, צעטיילט דאָס לאַנד אין צווייען.

— פאַראייניקט דאָס לאַנד.

## פּאַלעסטינע ליידט דערפון

— וואָס דאָרטן גייען אָפט זוינציק רעגנס און ס׳פעלט אָפט אויס וואַסער.

— וואָס עס איז פאַראַן צופיל וואַסער און עס שאַפן זיך זומפּן און בלאָטעס.

## די בערג מיט וועלכע פּאַלעסטינע איז רייך

— זיינען אַ גליק פאַרן לאַנד.

— האָבן דאָס לאַנד באַשיצט, אָבער דערפאַר אָפּגעפרעמדט און אָפּגעטיילט די אידן פון דער וועלט.

— האָבן אָפּגעטיילט און אָפּגעפרעמדט איין שבט פון אַנדערן און געשטערט די אידן צו פאַראייניקן זיך.

## דער נייער שטייגער לעבן אין כנען.

| | |
|---|---|
| אין מדבר זיינען די אידן געווען — — — — — — | ערד־אַרבעטער |
| אין כנען (פּאַלעסטינע) זיינען די אידן געוואָרן — — — | כנענים |
| ווי צו באַאַרבעטן די ערד האָבן זיך אידן אויס־געלערנט ביי די — — — — — — — — — — | פּאַסטוכער. |

# די ערשטע הונדערט יאָר אין נייעם לאַנד.

## די צייט פון די שופטים (שויפטים).

| | | |
|---|---|---|
| פאַרנומען | צעשיידט | פאַראייניקט |
| זעלטן | קויפט | אָפּגעפרעמדט |
| שבט | פאַרקויפט | כנענים |
| | פרעמד. | |

(אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט, זוך אויס דאָס נויטיקע וואָרט, וואָס געפינט זיך אויבן. שרייב צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ.)

1. מער ווי הונדערט יאָר נ אָ כ ד ע ם ווי די אידישע וואַנדערער האָבן זיך באַזעצט אין כנען (פּאַלעסטינע) זיינען זיי נאָך אַלץ ניט געווען . . . . .

2. דאָס נייע לאַנד, פול מיט בערג און טאָלן, האָט די אידן ניט אַלעמאָל פאַראייניקט, נאָר פאַרקערט — זייער אָפט . . . . . .

3. אַ גרויסע שטערונג איז געווען דאָס, וואָס צווישן די אידישע דערפער און פעלדער האָבן זיך נאָך געפונען באַפעסטיקטע שטעט פון די . . . .

4. פאָרן פון איין דערפל אין דעם אַנדערן פלעגט מען זייער. . . .

5. פאַר אַ פויער איז זייער שווער אָפּצורייסן זיך פון זיין פעלד, אַוועקצוּוואַרפן די אַרבעט, ער איז אַלעמאָל שטאַרק . . . . .

6. ווייט פון דער היים איז מען אויך ניט אַלעמאָל זיכער מיטן לעבן. ווער קען אויפן וועג באַשיצן? די וועגן זיינען שלעכט און פול מיט געפאַר. היינט וואָס זאָל אַ פויער צווינגען פאַרלאָזן זיין היים און וואַנדערן אין דער . . . . . .

7. דער פויער עסט ברויט פון זיין אייגענעם פעלד, מילך האָט ער פון זיינע אייגענע ציגן און קי, ניט ער . . . . . . ניט ער . . . . . .

8. די אידן פון די באַזונדערע דערפלאַך זיינען ביסלאכווייז . . . . . . . געוואָרן איינער פון אַנדערן. אין צייט פון געפאַר פלעגן אידן פון איין . . . . ניט קומען צו הילף די אידן פון אַן אַנדער . . . . .

## אַ פויער אַקערט זיין פעלד.



אַן עגיפּטישער פויער אַקערט זיין פעלד. דעם אַקער שלעפּן צוויי אָקסן. דער פויער דריקט דעם אַקער ער זאָל זיך טיפער איינגראָבן אין דער האַרטער ערד.

דער אַקער איז אינגאַנצן פון האָלץ.

עס איז שווער צו אַקערן אין אַ הייסן טאָג.

אויך דער אידישער פויער האָט געמוזט שווער אַרבעטן. דאָס ביסן ברויט איז אים אָנגעקומען מיט גרויס מי און מאַטערניש.

## פאַרוואָס זיינען די שבטים געווען אָפּגעפרעמדט ?




דער פלאַץ אויף דער מאַפּע וואָס איז אָנגעפילט מיט שטריכן ווייזט, אז דאָ זיינען כנענישע דערפלאַך געווען אויסגעמישט מיט אידישע.

(קאָליר די מאַפּע)

## דאָס לעבן אין מדבר און דאָס לעבן אין כנען.
## די צייט פון די שופטים.

שטרייך אויס פון יעדע פינף ווערטער איין וואָרט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט די איבעריקע פיר:

**מדבר, פיצוכט, ערד־אַרבעט, געצעלטן, וואַנדערונגען.**
**שופטים, שבטים, מלחמה, עגיפטן, כנענים.**
**שופט, ריכטער, קריגס־פירער, הענדלער, העלד.**
**אומאייניקייט, הונגער, שופטים, בערג, כנענים.**

| | |
|---|---|
| שופט (שויפעט) . . . | שופטים (שויפטים) . . . . . |
| בני ישראל (בניי־איסראָעל) . . . . | |

**אין דער צייט פון די שופטים זיינען די מערסטע אידן געווען:**

— ערד־אַרבעטער און פאַסטוכער.
— פאַסטוכער און הענדלער.
— הענדלער.

**אַ שופט איז געווען:**

— אַ קעניג און אַ הערשער.
— אַ פירער אין מלחמה און אַ ריכטער.
— דאָס זעלבע וואָס אַ שבט.

| | |
|---|---|
| דאָס לאַנד כנען האָט די שבטים מער — — — — — — — | פאַראייניקט |
| אין דער צייט פון די שופטים זיינען די אידן ניט געווען — — — — — — — — — — — — — | מדבר |
| אויף די אידן פלעגן אָנפאַלן וואנדער־פעלקער פון — — — — — — — — — — — — — | צעטיילט |

## אָן וואָס דערמאָנט עס דיך?

גערפין אויס די פּאַסיקע ערקלערונגען (לינקס) פאַר די ווערטער (רעכטס). פרעג דעם לערער ווי דאָס צו טאָן אויב דו פאַרשטייסט אַליין ניט.

| | |
|---|---|
| 1 —— מדבר | א) גענוג ברויט און וואַסער, פּיראַמידן. |
| 2 —— עגיפּטן | ב) זאַמד און הימל, די זון ברענט. |
| 3 —— כנען | ג) אידן, ווי זיי האָבן געהייסן אַמאָל. |
| 4 —— בני ישראל | ד) פּאַלעסטינע. |
| 5 —— אאַזיס | ה) אַ קוואַל וואַסער אין מדבר און אַרום ביימער און גראָז. |

## שווערע ווערטער זיינען שווער אַזוי לאַנג ווי מען פאַרשטייט זיי ניט.

ביסטו זיכער, אַז דו ווייסט די אַלע אויסדרוקן? לייען זיי דורך. די וואָס דו ווייסט אַליין, פאַרשרייב גלייך זייער באַדייטונג. וועגן די ווערטער, וואָס דו ווייסט ניט, פרעג דיינע פריינד, פרעג דעם לערער. שעם זיך ניט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| מדבר | שבטים | פּרעה | שופטים |
| פּאַסטוכער | כנען | שקלאַפעריי | בני ישראל |
| שבט | עגיפּטן | שופט | בעל |

# 6־7. די אַנפאַלן פון די פּלשתּים (פּלישטים) און די גרינדונג פון דער מלוכה

שאול.

א) ווער זיינען געווען די פּלשתּים און פון וואַנען זיינען זיי געקומען ?

ב) מיט וואָס איז דער יאָך פון די פּלשתּים געווען שווערער ווי די אָנפאַלן פון די מדבר-פעלקער ?

ג) פאַרוואָס זיינען די פּלשתּים געווען שטאַרקער פון די אידן ?

ד) וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם פּלשתּים יאָך ?

ה) ווער איז געווען שאול און ווי אַזוי איז ער גע־וואָרן קעניג ?

ו) וואָס האָט שאול אויפגעטאָן פאַר'ן לאַנד ?

ז) וואָס איז געווען די אורזאַך וואָס עס איז געגרינדעט געוואָרן די מלוכה ?



פלשתישע שיפן



אָקסן־גע̇שפאַן ביי די פלשתים



מוסטערן פון טעפּעריי־קונסט ביי די פלשתים

תבואה (טוואָיע) . . . . פלשתים (פלישטים) . . . .
מלוכה (מעלוכע) . . . . .

נאָכדעם ווי די אידן זיינען שוין אריין אין לאַנד, האָבן זיי געליטן

— פון די מדבר פעלקער, וואָס פלעגן באַפאַלן און צונעמען די תבואה פון די פעלדער.

— פון די עגיפטער, וואָס זיינען אָנגעפאַלן אויף די אידן און געוואָלט זיי צוריקברענגען קיין עגיפטן.

— פון די כנענים.

**אַ נייע געפאַר: די פלשתים (פלישטים) אַ פאָלק וואָס לעבט ביים ברעג ים, באַפאַלן די אידן.**

אין די מלחמות מיט די פלשתים, האָבן די אידן פון אָנפאַנג פאַרלאָרן. (שטעל אַוועק אַ + לעבן די ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק).

— ווייל די אידן זיינען ניט געווען פאַראייניקט.

— ווייל די פלשתים האָבן פאַרמאָגט בעסערע געווער פון די אידן. די פלשתים האָבן געהאַט רייטוועגענער, שפּיזן א. ד. גל.

— ווייל די פלשתים האָבן פאַרמאָגט בעסער געווער פון די האָבן קיין שיפן ניט געהאַט.

— ווייל די פלשתים זיינען געווען פאַראייניקט.



געפאַנגענע פלשתים.

## פון וועמען האָבן די אידן געליטן?




קוקנדיק אויף דער מאַפּע רעכן אויס פון וועמען די אידן האָבן

געליטן: א) . . . . . . ב) . . . . . . ג) . . . . . .

שרייב צו צו דער מאַפּע אַלץ וואָס דאָרטן פעלט. קאָליר זי.

## די אידישע שבטים פאַראייניקן זיך.

(אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט. זוך אויס דאָס נויטיקע וואָרט אין קאָלום וואָס געפינט זיך לינקס. שרייב צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ.)

| | |
|---|---|
| די פלשתים זיינען געקומען פון די אינזלען אויפן — — — — — — — — — — — — | מלוכה |
| דער יאָך פון די פלשתים איז געווען שווערער ווי די אָנפאַלן פון די — — — — — — — — — — — | קעניג |
| כדי זיך צו באַשיצן פון די פלשתים האָבן זיך די שבטים פאַראייניקט און געגרינדעט די — — | מיטללענדישן ים |
| שאול, דער זון פון א אידישן פויער, איז געווען דער ערשטער — — — — — — — — — — — — | מדבר-פעלקער |

### צוליב וואָס איז געגרינדעט געוואָרן די מלוכה?

### פאַרוואָס זיינען די אָנפאַלן פון די פלשתים געווען מער געפערלאַך ווי די אָנפאַלן פון די מדבר פעלקער?

(שטעל אוועק דעם צייכן + לעבן די ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

— די מדבר פעלקער פלעגן אָנפאַלן און אַנטלויפן.

— אַלע פלשתים זיינען געווען ריזן. הויך געוואַקסן, דריי קעפּ העכער פון די אידן.

— די פלשתים האָבן געשטרעבט צו פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד כנען און אַרויסשטויסן פון דאָרט די אידן.

— די פלשתים זיינען געווען בעסער באַוואָפנט פאַר די מדבר פעלקער.

— די פלשתים זיינען געווען פאַראייניקט.

## וואָס פאַר אַ וויכטיקע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען

| | |
|---|---|
| פון וואָס האָבן אידן געליטן? וועער פלעגט אויף די אידן אָנ־פאַלן? | וואָס האָט שאול אויפגעטאָן? |
| די שבטים זיינען ניט געווען פאַראייניקט. די עמונים (א מדבר פאָלק) זיינען אָנגעפאַלן אויף דער אידי־שער שטאָט יבש. | שאול האָט צוזאַמענגענומען איבער גוואַלד די שבטים און באַ־פרייט די שטאָט יבש. |
| | |
| | |
| | |

## אין שאול'ס לעבן ? וואָס האָט שאול אויפגעטאָן ?

| וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען ? | |
| --- | --- |
| גוטס. | שלעכטס. |
| געוויזן אַלע אידן, אז ווען מען איז פאַראייניקט איז מען שטאַרק | |
| | |
| | |

### אָנווייזונג פאַרן לערער.

די טאַבעלע דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין קלאַס אויפן ברעט. די קינדער דאַרפן דיסקוטירן יעדן פונקט באַזונדער. די קינדערשע ענט-פערס דאַרפן דאַן רעזומירט ווערן און פאַרשריבן ווערן אויפן ברעט. איט-לאַכס קינד קאָפּירט די קאָלעקטיווע טאַבעלע ביי זיך אין בוך.

# 8. די אידישע מלוכה ווערט גרוים

## דוד

א)  ווי האָט זיך דוד באַקענט מיט שאול'ן ?

ב)  פאַרוואָס זיינען זיי גיך געוואָרן אזים גוטע פריינד ?

ג)  וועמען האָט דוד אַרומגעקליבן אַרום זיך ?

ד)  ווי איז דוד געוואָרן אַ קעניג ?

ה)  וואָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן דוד'ן און שאול'ן אַלס קעניג ?

ו)  וואָס האָט דוד אויפגעטאָן פאַר'ן לאַנד ?

# שאול און דוד

מאַך אַ טאַבעלע און שרייב אריין אין צוויי קאָלומס די יוגנט גע־שיכטע, דעם שטייגער לעבן און די אויפטואונגען פון שאול׳ן און דוד׳ן. דעם פאַרגלייך קענסטו צוזאַמענשטעלן נאָכקוקנדיק די פריערדיקע פראַגן און ענטפערס.

| | שאול | דוד |
|---|---|---|
| יוגנט געשיכטע | | |
| שטייגער לעבן | | |
| אויפטו־אונגען | | |
| | | |
| | | |

## אָנמערקונג צום לערער:

די טאַבעלע דאַרפן די קינדער צוזאַמענשטעלן אַליין. פון די באַ־זונדערע טאַבעלעס דאַרף שפּעטער צוזאַמענגעשטעלט ווערן איין אַלגע־מיינע רעזומירונג.

## די צייט ווען דוד

| וואָס איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער וועלט? | וואָס האָט דוד אויפגעטאָן? |
| --- | --- |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | די אָנפירער אין מלחמה, די קריגס-לייט האָט דוד באַלוינט מיט גרויסע שטיקער ערד. |

## איז געוועזן קעניג.

וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען?

| גוטס. | שלעכטס. |
|---|---|
| | |
| | |
| | |
| | |
| די קריגסלייט האָבן ניט גע־דאַרפט באַאַרבעטן אַליין די פעל־דער. די גאַנצע צייט האָבן זיי געקענט אָוועקגעבן צו פּאַרטיי־דיקן און פאַרגרעסערן דאָס לאַנד. | דער אונטערשייד צווישן רייך און אָרים איז געוואָרן גרעסער. עס איז געבליבן ווינציק פרייע ערד. |

א פאַרגלייך צווישן שאול'ס און דוד'ס מלוכה.



## דער קריג צווישן שאול'ן און דוד'ן.

שאול האָט געוואָלט טויטן דוד'ן ווייל

— דוד האָט געוואָלט טויטן שאול'ן און ווערן קעניג.

— דוד איז באַליבט געוואָרן ביים פאָלק און שאול איז געוואָרן אייפערזיכטיק.

דוד איז אַנטלאָפן פון שאול'ן

— צו די פלשתים.

— אין עגיפטן.

— אין מדבר.

לויט דער נאַטור איז שאול געווען

— אַ שטילער און רואיקער מענש.

— אַ העלדישער מענש, וואָס פלעגט גיך באַגייסטערט ווערן און גיך אויפגערעגט ווערן.

— אַ שרעקעוודיקער, שלעכטער מענש.

דיין ענטפער וועט דיסקוטירט ווערן אין קלאַס. זיי אים גרייט צו פאַרטיידיקן און דערקלערן. מעגלאַך אַז דו פאַרשטייסט שאול'ן אינגאַנצן אַנדערש. שרייב דעמאָלט אָן דיין מיינונג.

— שאול איז געווען — — — — — — — — — — — — — — — —

## דוד איז געוואָרן דער קעניג פון די אידן

— נאָכדעם ווי ער האָט געטויט שאולן.

— נאָכדעם ווי שאול איז געפאַלן טויט אין מלחמה מיט די פלשטים.

## דוד האָט זיך

— געפרייט מיט שאול׳ס טויט.

— האָט באַדויערט שאול׳ס טויט.

## אַ פאַרגלייך צווישן שאול׳ן און דוד׳ן.

אָנשטאָט יעדן שטריך ——— שטעל אַריין דעם נאָמען דוד אָדער שאול.

——— האָט איבערהויפט געזוכט צו פאַרטיידיקן די אידן קעגן די פלשתים, די פלשתים זאָלן ניט צונעמען קיין אידיש לאַנד, זאָלן ניט אונטערדריקן די אידישע פויערים. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט.

——— האָט געפירט זיין גאַנצן לעבן מלחמות. ער פלעגט אָנ־פאַלן אויף די אַרומיקע פעלקער, און האָט זיי באַזיגט. אין זיין צייט איז די מלוכה געווען זייער גרוים און שטאַרק. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט פאַרטיידיקן דאָס אידישע לאַנד. ער פלעגט אָנפאַלן אויף פרעמדע לענדער אויך.

——— האָט געהאַט אַ שטענדיקע אַרמיי. די קריגס־לייט פלעגן אַליין ניט אַרבעטן, זיי זיינען מער ניט געווען קיין פויערים. דער קעניג פלעגט זיי צאָלן פון דעם רויב אָדער פון דעם צינז וואָס ער פלעגט נעמען ביי די אונטערדריקטע פעלקער. ער פלעגט זיי אויך אוועקגעבן פעלדער און גערטנער.

— האָט ניט געהאַט קיין גרויסע אַרמיי. אין צייט פון שלום פלעגט ער אַליין אַרבעטן אויף זיין פעלד. ער האָט געלעבט אין א היל־צערנער שטוב ווי אַ פּראָסטער פויער.

— האָט פאַרכאַפּט די שטאָט ירושלים, וואָס איז פריער געווען אַ כנענישע שטאָט און געמאַכט זי פאַר דער אידישער הויפּט־שטאָט.

# 9. דער נייער שטייגער לעבן אין דער צייט פון דער פֿאַראייניקטער מלוכה

## שלמה.

א) וואָס האָט שלמה געטאָן צו באַפעסטיקן און פאַר־שענערן דאָס לאַנד ?

ב) ווער זיינען געווען די פעניציער, וואָס פאַר אַן אָפּ־מאַך האָט שלמה מיט זיי געשלאָסן ?

ג) וואָס מיינט געצוואונגענע אַרבעט און צוליב וואָס האָט זי שלמה איינגעפירט ?

ד) פאַרוואָס האָבן די אידן געדאַרפט צאָלן גרויסע שטייערן ?

ה) ווי זיינען ביי אידן אויפגעקומען קנעכט ?

ו) פון וואַנען האָבן זיך גענומען אָרימע און רייכע אין יענער צייט ?

# שלמה'ס רעגירונג.

(קאָלעקטיווע ארבעט פון קלאַס)

| וואָס האָט שלמה אויפגעטאָן ? | וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען ? גוטס |
| --- | --- |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |

| וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען? שלעכטס | ווי האָט דאָס פאָלק געענטפערט אויף דעם? |
|---|---|
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |
| | |

# די פעלקער פון כנען

| פלשתים | פעניציער | אידן |
| --- | --- | --- |

———— זיינען געווען אַ פאָלק פון הענדלער. זיי האָבן געלעבט ביים ברעג פון ים. אויף זייערע שיפן פלעגן זיי אויספאָרן די גאַנצע אַלטע וועלט.

———— זיינען געווען אַ פאָלק פון ערד־ארבעטער און ווײַנפלאַנ־צער. זיי האָבן געלעבט אין דערפער און שטעט.

## פעניצישע לוקסוס־אַרטיקלען און דער פעניצישער א״ב.





אַ הענדלער פֿון סיריע און זיינע באַדינער.



אַ פעניצישע שיף.



# דער קעניג שלמה און זיינע אויפטואונגען.

פאַר דעם, וועלכער ווייסט, איז דאָס ניט שווער! לייען שטילער־הייט און שרייב אריין די ווערטער וואָס פעלן. טו די אַרבעט אַליין און געפין אויס, וואָס דו ווייסט און וואָס דו ווייסט ניט.

דוד איז געבאָרן געוואָרן ביי אַ אידישן פויער און האָט אַלס קינד געפיטערט די ——— פון זיין פאָטער.

שלמה, זיין ———, איז שוין אויפגעוואַקסן אין ——— און גליק און האָט גאָרניט געוואוסט פון קיין שווער לעבן ווי זיין ———.

ווען שלמה האָט איבערגענומען די מלוכה, וואָס זיין פאָטער ——— האָט דורך לעבנס־לאַנגע ——— אויפגעבויט, איז דער אַנזען פון דעם אידישן לאַנד צווישן די פעלקער אַרום געווען זייער גרויס. קיינער האָט ניט געוואַגט אַנצופאַלן און רויבן. שלמה'ן איז דעריבער ניט אויסגעקומען צו פירן קיין ———. אין זיין צייט האָט, מער אָדער ווייניקער, גע־הערשט ———.

אַנשטאָט איינצוהאַלטן די גרעניצן פון לאַנד דורך מלחמות אויף די פעלקער אַרום, האָט ער זיך ליבערשט גענומען צו ——— דאָס לאַנד.

די אידן זיינען געווען ערד־אַרבעטער און אַ פויער מוז האָבן רו אין לאַנד — אַנדערש איז זיין אַרבעט אַרויסגעוואָרפן.

שלמה האָט ביי די גרעניצן פון לאַנד שטאַרק באַפעסטיקט די ———, אַרומגעבויט זיי מיט ווענט און איבערגעלאָזט גענוג סאָלדאַטן צו באַשיצן די געגנט.

איבערהויפט האָט זיך ——— געזאָרגט צו באַפעסטיקן די הויפּט־שטאָט ——— און דעם איינציקן האַפן ביים ברעג פונ'ם רויטן ים.

דורך די נייע פעסטונגען איז באַזייטיקט געוואָרן די געפאַר די וואַנדער־פעלקער פון ——— זאָלן אַנפאַלן און אַריינדרינגען אין לאַנד.

מיט די גרויסע און רייכע פעלקער ———, ——— האָט שלמה געזוכט צו לעבן בשלום דורך ——— ——— ———.

וואָס איז געווען דער נוצן און וואָס איז געווען דער שאָדן וואָס די אידישע פּויערים האָבן געהאַט פון אַ שטענדיקער אַרמיי, דעם בית־המקדש, די שטעט און דעם האַנדל ? (קאָלעקטיווע אַרבעט).

| | נוצן | שאָדן | פאַר וועמען איז דאָס יאָ געווען גוט ? |
|---|---|---|---|
| שטענדיקע אַרמיי | | | |
| בית־המקדש | | | |
| האַנדל | | | |
| שטעט | | | |

| | | | |
|---|---|---|---|
| צפון (צאָפן) . . . | דרום (דאָרעם) . . . | פיצוכט . . . . | |
| מלוכה . . . . . | בית־המקדש . . . . . | | |

## שלמה און זיין צייט.

שטרייך אוים דאָם וואָרט נ י ט און דאָם וואָרט ק י י ן דאָרט, וואו מען דאַרף זיי ניט. לאָז איבער די ווערטער „ניט" און „קיין", דאָרט וואו זיי זיינען נויטיק.

### ביישפיל.

שלמה האָט ניט געפירט קיין מלחמות.

שלמה האָט ניט אויפגעבויט קיין פּאַלאַץ אין דעם ביתהמקדש.

שאול האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקע אַרמיי.

די מערסטע אידן פון צפון (נאָרד) זיינען ניט געווען קיין ערד־אַרבעטער.

אַ סך אידן אין דרום (סאוט) פּאַלעסטינע האָבן ניט געלעבט פון פּי־צוכט.

דוד און שלמה האָבן ניט געהאַט קיין שטענדיקע אַרמיי.

די אידן זיינען ניט געווען צופרידן מיט דער געצוואונגענער אַרבעט, וואָס שלמה האָט איינגעפירט.

אין דער צייט ווען די אידן האָבן געוואַנדערט אין מדבר זיינען ניט געווען קיין אָרימע און קיין רייכע צווישן זיי.

אין שלמה'ס צייטן זיינען ניט געווען קיין אָרימע און רייכע צווישן די אידן.

די געצוואונגענע אַרבעט, די גרויסע שטייערן האָבן ניט געבראַכט דערצו אַז פיל פּאַראָרימטע פויערים זאָלן ווערן שקלאַפן.

דער מאַנגל אין רעגן האָט פּאַראָרימט אַ סך פויערים.

נאָך שלמה'ס טויט איז די מלוכה ניט צעשפּאָלטן געוואָרן.

## ווי האָט מען אָנגעהויבן צו קויפן און פאַרקויפן ?



וואָס זעסטו אויפן בילד ?

האָט ווער עס איז פון זיי געלט ?

ווי אַזוי קויפן זיי און פאַרקויפן ?

## הענדלער פון קריט.



דאָס זיינען הענדלער פון אינזל קריט.

דער אינזל קריט געפינט זיך אויפן מיטלענדישן ים.

## שלמה׳ס מלוכה און דוד׳ס מלוכה.




באַמאָל מיט פאַרשיידענע קאָלירן די צוויי לענדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן אין שלמה׳ס צייטן. (די שטאָט שומרון איז נאָך דעמאָלט ניט געווען.)

### די מלוכה, איר אויפקום און אַנטוויקלונג.

פון יעדע פינף ווערטער שטרייך אויס איין וואָרט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט די אַנדערע פיר:

**מלוכה, פלשתים, פאַראייניקונג, שבטים, עגיפּטן.**

**שלמה, בית המקדש, געצוואונגענע אַרבעט, משה, פּאַלאַצן.**

**שלמה, האַנדל, פעניציע, עגיפּטן, שופטים.**

**אַמאָל און היינט.** וועגן וואָס האָט געזאָרגט אַ וואַנדערער, וואָס האָט באַאומרואיקט דעם ערד־אַרבעטער פון אמאָל, און פון וואָס דאַגה׳ט אַן אַרבעטער אַן אַרבעטער היינט־צו־טאָג? וועןְ, מיינט איר, האָט זיך געלעבט בעסער?

| | | |
|---|---|---|
| דער אַרבעטער היינטצוטאָג שרעקט זיך | דער וואַנדערער אין מדבר שרעקט זיך | דער ערד־אַרבעטער האַלט אין איין זאָרגן און דאגה׳ן. |
| ער זאָל ניט פאַרלירן זיין אַרבעט און בלייבן אָן ברויט. | וואָס טוט מען ווען ס׳איז קיין וואַסער ניטאָ אין די וואַסער־גריבער? | גוואַלד! וואו נעמט מען רעגן? |
| ווען ער וועט אַלע ווערן וואָס וועט ער טאָן? וועט אים ווער וועלן געבן אַרבעט? וועלן אים די קינדער אַרויסהעלפן? | וואו נעמט מען גראָז פאַר די שעפסן און ציגן? | טאָמער קומען אָן די ווילדע היישעריקן פון מדבר און פרעסן אויף די תבואה. |
| מלחמה. אַ גליק פאַר די רייכע אָבער פאַרן פאָלק | ווער ווייס, קלייבן זיך ניט קיין פרעמדע וואַנדער־שבטים צו באַפאַלן און אַוועקרויבן די שעפסן און ציגן? | וואָס טוט מען ווען וואַנדערער פון מדבר רייסן זיך אַריין און רויבן אַוועק די תבואה. |
| | וואָס טוט מען ווען דער גראָז איז פאַרטרוקנט? | באַלד רוקט זיך אונטער די צייט, ווען מען דאַרף דעם קעניג אָפּגעבן זיין צינז און מען דאַרף ברענגען מתנות צום כהן. |

**צום לערער:** דאָס דאַרף זיין אַ קאָלעקטיווע אַרבעט. די קינדער דאַרפן דעם פאַרגלייך אויסברייטערן.

# 10. די צעשפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה

א) פאַרוואָס איז די אידישע מלוכה צעשפּאָלטן געוואָרן ?

ב) ווער איז געווען ירבעם ?

ג) פאַרוואָס איז יהודה געבליבן טריי ?

ד) וואָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן די אידן פון צפון און די אידן פון דרום ?

עצה (אייצע) .... מלוכה .... מלכות ישראל ....
מלכות יהודה . . . .

## די צעשפּאַלטונג פון דער מלוכה.

די אידן האָבן געבעטן שלמה׳ס זון ער זאָל — — — — — — — — —
שלמה׳ס זון האָט געפרעגט אַן עצה (      ) ביי די עלטערע ראַט־געבער און זיי האָבן אים געראָטן ער זאָל — — — — — — — — — — — — —
שפּעטער איז ער אַוועק און געפרעגט זיינע יונגע פריינד. זיי האָבן צו אים געזאָגט: — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
שלמה׳ס זון האָט אויסגעפאָלגט די רייד — — — — — — — — — —
ער איז אַוועק צום פאָלק און געזאָגט: מיין פאָטער האָט אייך — — — — — און איך וועל אייך — — — — — — מיט דערנער.
די אידן פון צפון (צען שבטים) האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע, אָפּגעריסן זיך פון שלמה׳ס זון און אויסגעקליבן פאַר אַ קעניג — — — — — —
געטריי צו שלמה׳ס זון איז געבליבן דער שבט — — — — — — — —
די מלוכה איז צעשפּאָלטן געוואָרן און די אידן זיינען פון דעמאָלט אָן געווען צעטיילט אין צוויי מלוכות: 1) מלכות ———— און 2) מלכות ————.

## ווער איז געווען אומצופרידן מיט שלמה׳ן?

שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן די צוויי גרופּן וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט שלמה׳ס הערשאַפט און האָבן שפּעטער געהאָלפן די מלוכה זאָל צעשפּאָלטן ווערן.

— דער קעניג פון פעניציע, וואָס איז ניט געווען צופרידן מיט די שטעט, וואָס שלמה האָט אים אָפּגעגעבן, זיי זיינען געווען צו אָרים און קליין.

— די אידישע פּויערים וואָס פלעגן מוזן טאָן די בוי אַרבעט פאַר שלמה׳ן און פלעגן מוזן צוליב דעם פאַרלאָזן זייערע פעלדער.

— די שבטים פון צפון וואָס פלעגן דאַרפן צאָלן גרויסע שטייערן און אויסהאַלטן דעם קעניג מיט אַלדאָסגוטס.

— שלמה׳ס אַרמיי, ווייל ער האָט ניט מלחמה געהאַלטן און די סאָלדאַטן פלעגן ניט קענען רויבן אין דער פרעמד, רייך ווערן. וואָס טויג אַן אַרמיי אין צייט פון פרידן?

## די אייגנשאַפטן פון לאַנד — נאָך אַן אורזאַך פאַר דער שפּאַלטונג.

שטעל אַוועק אַ צייכן + לעבן יענע אייגנשאַפטן פון לאַנד וואָס האָבן מיטגעווירקט אַז די מלוכה זאָל צעשפּאַלטן ווערן.

— דער מאַנגל אין רעגן (ד. ה. ווייניק רעגן).

— בערג און טאָלן.

— דער ירדן צעטיילט דאָס לאַנד אין צווייען.

— פּאַלעסטינע געפינט זיך צווישן עגיפּטן פון איין זייט און אַסיריע, באַבילאָניע פון דער אַנדער זייט.

— צפון פּאַלעסטינע איז מער צוגעפּאַסט פאַר ערד־אַרבעט און דרום־פּאַלעסטינע פאַר האָדעווען שעפּסן און ציגן.

נאָכדעם ווי איר האָט דיסקוטירט אין קלאַס וועגן דער שפּאַלטונג פון דער מלוכה, שרייב אַרונטער וואָס עס זיינען געווען די אורזאַכן צוליב וועלכע די מלוכה איז צעשפּאַלטן געוואָרן.

די אורזאַכן זיינען געווען:

א) ________________________________

ב) ________________________________

ג) ________________________________

## פריער און שפּעטער

שטעל אויס אין אַ ריכטיקער אָרדנונג די פאָלגנדיקע פּאַסירונגען:

— די אידן עראָבערן דאָס לאַנד כנען.

— די אידישע שבטים קומען צוליב הונגער קיין עגיפּטן.

— דוד באַפעסטיקט די אידישע מלוכה.

— די שופטים הערשן אין ישראל.

— שאול ווערט קעניג.

— שלמה פירט איין געצוואונגענע אַרבעט.

— די מלוכה ווערט צעשפּאַלטן.

— די פלשתים באַפאַלן די אידן.

— די אידן וואַנדערן אין מדבר.

— די אידן ווערן ערד־אַרבעטער.

# די צייט פון דער פאַראייניקטער מלוכה
(קאָלעקטיווע אַרבעט)

| נאָמען פון קעניג | וואָס האָט ער אויפגעטאָן | וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען | | ווי האָט דאָס פֿאָלק געענטפערט אויף דעם |
|---|---|---|---|---|
| | | גוטס | שלעכטס | |
| שאָול | | | | |
| דוד | | | | |
| שלמה | | | | |

# 11. די צעטיילטע מלוכה

## די געשיכטע פון מלכות ישראל.

א. וואָס זיינען געוועןן די באַציאונגען צווישן מלכות ישראל און יהודה נאָך דער שפּאַלטונג ?

ב. פאַרוואָס האָט ירבעם אַוועקגעשטעלט צוויי קעלבער אין מלכות ישראל ?

ג. ווי האָבן זיך באַנוצט די עגיפּטער מיט דער אידישער אומאייניגקייט ?

ד. ווי האָבן זיך דערמיט באַנוצט די אַרמייער ?

## די צעטיילטע מלוכה.



זוך אויס און באַצייכן וואו עס געפינט זיך א) מלכות־ישראל, ב) מלכות־יהודה, ג) דער מיטללענדישער ים, ד) ארם, ה) שומרין.

ווייז אָן מיט פיילן א) די אָנפאַלן פון די אַראַמייער, ב) דעם אָנפאַל פון עגיפטן.

| |
|---|
| בעלי־מלאכות (באַלמעלאָכעם) . . . . |
| פטור (פּאָטער) געוואָרן . . . . |

## אַ פאַרגלייך צווישן מלכות ישראל און מלכות יהודה.

(שטעל צו דאָס וואָרט ישראל אָדער יהודה דאָרט וואו זיי זיי־נען נויטיק).

ישראל יהודה

די ביידע מלוכות, ישראל און יהודה, זיינען ניט געווען גלייך איינע צו די אַנדערע.

——— איז געווען באַלד דריי מאָל אזוי די גרויס ווי ———.

די אידן אין ——— זיינען מערסטנס געווען ערד־אַרבעטער, בעלי מלאכות און הענדלער.

די אידן פון ——— זיינען געווען מערסטנס פּאַסטוכער און האָבן געלעבט באַלד אַזוי ווי די ערשטע אידן אין מדבר.

די אידן פון ——— זיינען געווען מער אָפּגעזונדערט פון די פעלקער אַרום. זיי האָבן געלעבט אין די בערג.
די אידן פון ——— האָבן געלעבט אין פרוכטבאַרע טאָלן, נאָענט פון די האַנדלס וועגן, און אין שכנות מיט די פעניציער, דאָס האַנדלס־פאָלק פון דער אַלטער וועלט.

## ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין מלכות ישראל?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

## דאָס לעבן אין מלכות ישראל איז געווען

— זייער רואיק און שטיל.

— פול מיט רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן.

— פול מיט גליק פאַר'ן פאָלק, ווייל זיי זיינען פטור געוואָרן פון שלמהן און זיינע זין.

— פול מיט נויט און אָרימקייט.

— פול מיט גליק פאַר'ן פאָלק, ווייל די אידן פון ישראל זיינען פטור געוואָרן פון שלמהן און זיינע זין.

— פול מיט נויט און אָרימקייט פאַר די פויערים און בעלי־מלאכות.

— פול מיט פאַרגעניגן און גליק פאַר די רייכע הענדלער, גרויסע ערד־אייגנטימער און דעם קעניגס האָרן.

ווי האָבן אויסגענוצט די אידישע אומאייניקייט די אַראַמייער, און ווי האָבן זי אויסגענוצט די עגיפּטער? (באַשרייב).

## די באַציאונגען צווישן ביידע מלוכות.

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן די ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.)

נאָך דער צעטיילונג פון דער מלוכה, זיינען די באַציאונגען צווישן די אידן פון יהודה און די אידן פון ישראל געווען אזעלכע:

— עס פלעגן פאָרקומען שטענדיקע מלחמות צווישן די אידן פון ישראל און יהודה.

— די אידישע פאַסטוכער פון יהודה זיינען געווען צופרידן וואָס זיי זיינען פטור געוואָרן פון די צען שבטים און די קעניגן פון יהודה האָבן אינגאַנצן צורו געלאָזט מלכות ישראל.

— נאָך לאַנגע און בלוטיקע מלחמות האָבן די אידן פון ישראל און יהודה אויף אַ קורצער צייט שלום געמאַכט און מער ניט געקעמפט.

## 12. דער קאַמף צווישן אָרים און רייך אין ישראל

**די נביאים אליהו און עמוס.**

א) ווי האָט געווירקט אויף מלכות ישראל די נאָענט־קייט פון פעניציע ?

ב) ווי זיינען אויפגעקומען אָרימע און רייכע אין ישראל ?

ג) ווער איז געווען אליהו ?

ד) וואָס איז די מעשה וועגן נבות׳ן און זיין ווייַנגאָרטן ?

ה) ווער איז געווען עמוס ?

ו) פון וואַנען איז ער געקומען ?

ז) וואו האָט ער נביאות געזאָגט ?

ח) וואָס איז געווען זיין נבואה ?

ט) ווי זיינען אויפגעקומען אומצופרידענע אין מלכות ישראל ?

# אָרים און רייך אין מלכות ישראל.

(אַנשטאָט די שטריכן שטעל אַריין די פּאַסיקע ווערטער).

| | | |
|---|---|---|
| פּויערים | פּאַראַרימט | רייך |
| בעלי־מלאָכות | גוואַלד | פרויען |
| אַרבעט | רייכע לייט | הענדלער |
| שווינדל | אָרימע לייט | |

דער האַנדל מיט די פעניקישע שטעט און מיט די ווייטע לענדער האָט ——— געמאַכט דאָס לאַנד. די ——— און הערן האָבן זיך געלאָזט אויסבויען הייזער פון אַרומגעהאַקטע שטיינער מיט באַצירונגען פון העלפאַנד־ביין.

אין די פּאַלאַצן האָבן די ——— געלעבט אין וואוילטאָג און פאַרגעניגן. געגעסן די טייערסטע מאכלים און געטרונקען די בעסטע ווײַנען.

די ——— זיינען געגאַנגען אויסגעפּוצט און באהאנגען מיט די טייערסטע צירינג.

וואָס רייכער עס זיינען געוואָרן די ——— אַלץ אָרימער זיינען געוואָרן די ——— און ———.

די ——— זיינען ניט רייך געוואָרן דורך ערלאַכער מי און ———.

אַ סך האָבן אָנגעקליבן זייער רייכקייט דורך ——— און ——— דורך אָפּנאַרן און באַשווינדלען די ——— און ———.

## ווי אַזוי זיינען די הענדלער אין ישראל רייך געוואָרן?

(שטעל אוועק א + לעבן די ענטפערס וואָס דו האלסט פאַר ריכטיק).

— אין יאָרן פון ניט גערעטעניש און הונגער פלעגן די רייכע הענדלער פאַרקויפן צו די אָרימע תבואה און ברויט אויף זייער הויכע פרייזן. זיי פלעגן באַרייסן דאָס פאָלק.

— די הענדלער פון ישראל פלעגן מיט שיפן אומפאָרן איבער דער וועלט און האַנדלען. דער פרעמדער האַנדל האָט זיי רייך געמאַכט.

— די הענדלער פלעגן אָפּנאַרן די קויפער, באַנוצנדיק א פאַלשע וואָג און מאָס.

— די הענדלער פלעגן שווער אַרבעטן — זיינען זיי רייך געוואָרן.

— די רייכע לייט פלעגן אַנטלייען צו אָרימע געלט אויף א הויכן פּראָצענט. ווען די שולדיקע פלעגן אָבער ניט קענען אין צייט באַצאָלן זייער חוב, דעמאָלט פלעגן די רייכע לייט צונעמען ביים אָרימאַן זיין גאַנצן פאַרמעגן: זיין פעלד, זיין הויז א. ד. גל. ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז זיי פלעגן דעם אָרימען מאַכן פאַר א קנעכט.

## ווי האָבן זיך די ריכטער באַצויגן צו די אָרימע און ווי פלעגן זיך די ריכטער באַציען צו די רייכע?

לעבן די ענטפערס, וואָס דו האלטסט פאַר ריכטיק, שטעל אוועק א „ר", לעבן די ענטפערס, וואָס דו האַלטסט, אַז זיי זיינען פאַלש, שטעל דעם צייכן „פ".

### די ריכטער

— פלעגן משפטן דאָס פאָלק ערלאַך.

— פלעגן אַלעמאָל באַשיצן די רייכע און אונטערדריקן די אָרימע.

— פלעגן נעמען שוחד (גרעפט) פון די רייכע.

— פלעגן זיך איינשטעלן פאַר די אונטערדריקטע, פאַרן יתום און פאַר דער אלמנה.

## גוט און וואויל איז דעם וואָס קען!

ווער פון אייך, קינדער, וואָלט געקענט אָנשרייבן אַן אַרבעט, וואָס זאָל דערציילן וועגן אליהו הנביא׳ן. זיין לעבן, זיין קאַמף קעגן דעם קעניג און די האַרן. די מעשות, וואָס מען פלעגט זיך אין פאָלק דערציילן וועגן אים. דאָס קינד וואָס וועט עס אויפשרייבן וועט האָבן אויפגעטאָן זייער אַ גוטע זאַך. ער וועט די אַרבעט, פאַרשטייט זיך, שפּעטער פאָרלייענען אין קלאַס, פאַר אַלע קינדער, און אפשר אַפילו אָפּדרוקן אין קלוב זשורנאַל.

ווער וויל זיין דער גרויסער אויפטוער?

אָדער אפשר איז גאָר אַ פּלאַן, אַז א י ט ל א כ ם קינד זאָל שרייבן אַ ביסל, איטלאַכער וועגן איין פראַגע בלויז, און אַ ביסל מיט אַ ביסל איז אַ גאַנצע שיסל...

די אַרבעט וועט שנעל ווערן פאַרטיק!

פונקט אַזוי ווי וועגן אליהון איז אויך נויטיק אָנצושרייבן אַן אַר־בעט, וואָס זאָל דערציילן וועגן דעם פאַסטוך עמוס — ווי ער האָט גע־קעמפט פאַר די אָרימע און געשטראָפט די רייכע. אפשר פאַרגלייכן אים מיט אליהו׳ן. וואָס זאָגט איר דערויף?

## פאַרוואָס זיינען די אידישע פויערים געוואָרן אומצופרידן?

ווען די אידן זיינען געווען וואַנדערער אין מדבר האָבן זיי זיך שטאַרק געריסן אַריינצוקומען „אינ׳ם לאַנד, וואָס טריפט מיט מילך און האָניק".

עטלאַכע הונדערט יאָר נ אָ כ ד ע ם, ווי די אידן זיינען שוין אַריין אין כנען און געוואָרן ערד־אַרבעטער, זיינען אַ היבש ביסל אידישע פויערים געוואָרן אומצופרידן.

פיל האָבן גענומען בענקען נאָך דער אַמאָליקער גוטער צייט ווען מען איז געווען וואַנדערער און מען האָט געלעבט אין מדבר.

פאַרוואָס מיינסטו זיינען די אידישע פויערים געוואָרן אומצופרידן?
אפשר דערפאַר

— ווייל אין מדבר זיינען ניט געווען קיין אָרימע און קיין רייכע. אַלע זיינען געווען מער אָדער ווייניקער גלייך.

— ווייל אין מדבר האָט זיך געלעבט גרינגער ווי אויפן לאַנד.

— דאָס לעבן פון אַ פויער איז שווער און פול מיט זאָרג.

— דאָס לעבן פון אַ וואַנדערער איז זאָרגלאָז און פריי.

— ווייל די נביאים האָבן צעבונטעוועט, אויפגערודערט די אידישע פויערים און געמאַכט זיי אומצופרידן. ווען ניט די היציקע רייד פון די נביאים וואָלטן די אידישע פויערים געווען צופרידן מיט זייער מזל און וואָלטן רואיק אויסגעלעבט זייערע יאָרן.

— ווייל די אָפטע אינווייניקסטע מלחמות אין לאַנד אַליין, און די אָנפאַלן פון די פעלקער אַרום האָבן פאַראָרימט די אידישע פויערים, און אַן אָרים לעבן איז אַ שווער לעבן.

— די צינזן צום קעניג, צו די כהנים אין טעמפל און אָפטמאָל אויך צו די פרעמדע הערשער זיינען געווען צו שווער פאַר די פויערים אַריבער־צוטראָגן; זיי האָבן דעריבער גענומען בענקען נאָך דער צייט, ווען זיי האָבן פון דעם אַלעמען ניט געוואוסט, און זיי האָבן ניט געהאַט איבער זיך קיין קעניג, ניט געדאַרפט צאָלן קיין צינזן און אין אַלגעמיין געווען פרייע מענשן.

— קיין איינער איז ניט צופרידן מיט דעם ווי אים איז. ער מיינט אַלעמאָל אַז אַ מ אָ ל איז געווען בעסער. ער וויל דעריבער עס זאָל זיין ווי אַ מ אָ ל.

— דער פויער אַרבעט שווער אויפן שטיקל ערד און ווען ער נעמט אַרונטער די תבואה בלייבט אים ווייניק פאַר זיך.

שטעל אַוועק אַ „ר" לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק. שטעל אַוועק אַ „פ" לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר פאַלש. גיב אַ קלער, אפשר האָסטו גאָר אַן אייגענעם ענטפער אויף דער פראַגע. שרייב אים צו.

## די רייד פון די נביאים. — דער פאַסטוך עמוס שטראָפט די רייכע און די האַרן.

(פראַגמענטן)

ווי איז צו די, וועלכע פאַרוואַנדלען דאָס געריכט אין אַ גיפט,

יעכט און גערעכטיגקייט האָבן זיי מיט די פיס געטראָטן.

זיי האָבן פיינט דעם, וועלכער שטעלט זיך איין אין געריכט פאַר דער גערעכטיקייט,

און קאָנען ניט אָנקוקן דעם, וואָס זאָגט אמת,

און אָט דערפאַר, וואָס איר פאַרשטויסט דעם אָרימאַן

און נעמט ביי אים שוחד ( . . . . . ) אין ברויט —

וועט איר בויען הייזער פון געהאַקטע שטיינער

און וועט אין זיי אָבער ניט וואוינען,

איר וועט פלאַנצן גרויסאַרטיקע וויינגערטנער,

אָבער זייער וויין וועט איר ניט טרינקען,

ווייל, איך ווייס, פיל זיינען די פעלשונגען

און גרויס זיינען אייערע זינד.

איר דריקט די אומשולדיקע, נעמט שוחד

און פייניקט די אָרימעלייט אין געריכט

דערפאַר שווייגט דער קלוגער אין אַזאַ צייט,

ווייל דאָס איז אַ שלעכטע צייט.

זוכט גוטס און ניט שלעכטס, כדי איר זאָלט בלייבן לעבן...

# 13. דער אומגעריכטער בונד פון ארם און ישראל קעגן אַשור, דער אונטערגאַנג פון מלכות ישראל

א) ווער זיינען געווען די אַסיריער, וואו האָבן זיי געלעבט ?

ב) וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן די אַסיריער געהאַט אין פאַלעסטינע ?

ג) ווער זיינען געווען די פעלקער וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט די אידן אין אַ קאַמף קעגן די אַסיריער ?

ד) ווי אַזוי איז אונטערגעגאַנגען מלכות ישראל ?

ה) וואָס איז געווען דער סוף פון די צען שבטים ?

| | | | |
|---|---|---|---|
| מלכות ישראל . . . . | מלכות יהודה . . . . | אשור . . . | |
| שומרון . . . . | ציינזן . . . . | | |

## פאַרוואָס איז מלכות ישראל אונטערגעגאַנגען ?

אונטען געפינען זיך אַ סך ענטפערס. אַ טייל זיינען ריכטיקע ענטפערס, אַ טייל זיינען פאַלש. לעבן יעדן ענטפער, אויב ער איז ריכטיק, שטעל אַוועק אַ "ר"; לעבן יעדן פאַלשן ענטפער, שטעל אַוועק אַ „פ".

— די מלחמות צווישן די אידן פון מלכות ישראל און די אידן פון מלכות יהודה האָבן אָפּגעשוואַכט ביידע מלוכות.

— די מלחמות האָבן די אידן געמאַכט פאַר בעסערע סאָלדאַטן, די אַרומיקע פעלקער פלעגן דעריבער מער ניט אָנפאַלן אויף די אידן.

— דעם קאַמף צווישן מלכות ישראל און יהודה האָבן אויסגענוצט די אַרומיקע פעלקער, זיי פלעגן אָנפאַלן סיי אויף ישראל, סיי אויף יהודה.

— די אַראַמייער זיינען אָנגעפאַלן אויף מלכות ישראל.

— די אַראַמייער האָבן פאַרלאָרן אַלע מלחמות, וואָס זיי האָבן געפירט מיט די אידן.

— די אַראַמייער האָבן צוגענומען אַ סך שטעט אין מלכות ישראל און האָבן איינמאָל אפילו באַלאַגערט די שטאָט שומרון.

— די אידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן, ווייל די אַסיריער זיינען אָנגעפאַלן אויף אַרם, און די אַראַמייער זיינען אַוועק פאַרטיידיקן זייער אייגן לאַנד.

— די אַראַמייער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון מלכות ישראל, ווייל די אַסיריער זיינען געקומען העלפן די אידן קעגן די אַראַמייער. די אידן און די אַסיריער זיינען דאַך געווען גוטע פריינד.

— צוערשט האָבן די אידן פון מלכות ישראל געצאָלט די אַסיריער צינזן, אָבער די צינזן זיינען געווען זייער שווערע, האָבן די אידן געמאַכט אַ רעוואָלוציע קעגן אַסיריע און אויפגעהערט צו צאָלן די צינזן.

— די אידן, די אַראַמייער, די פעניציער האָבן זיך פאַראייניקט און געשלאָסן אַ בונד קעגן אשור.

## אַ האַרטע נוס צו צעקנאַקן. פּרובירט קינדער. ווער קען זיך אַרויספּלאָנטערן ?

שטעלט אוים אין אַ ריכטיקער אָרדנונג פאָלגנדיקע פּאַסירונגען :

— די אַראַמייער פאַלן אָן אויף מלכות ישראל.

— די מלוכה ווערט צעשפּאָלטן.

— די אידן פון מלכות יהודה און די אידן פון מלכות ישראל קעמפן צווישן זיך.

— די אַסיריער פאַלן אָן אויף די אידן פון ישראל.

— די אַראַמייער טרעטן אָפּ פון ישראל און שליסן אַ בונד מיט די אידן קעגן אַסיריע.

— די אַסיריער פאַלן אָן אויף די אַראַמייער.

נאָכדעם ווי איר האָט אַלע אין קלאַס דיסקוטירט אייערע ענטפערס און יעדער איינער האָט ביי זיך פאַרצייכנט די ריכטיקע אָרדנונג ווי דאָס אַלץ האָט פּאַסירט, שרייבט אַרונטער די טאַבעלע און שטעלט אַלץ אוים ווי ס'דאַרף צו זיין.

## אַ באַלאַגערטע שטאָט.

דאָס איז אַ בילד, וואָס איז אַמאָל געווען אויפגעמאָלן אויף אַן אַסירישן פּאַלאַץ. דאָס בילד צייגט אַ שטאָט, וואָס די אַסיריער ווילן פאַר־כאַפּן.

די שטאָט שטייט אויף אַ באַרג און איז אַרומגערינגלט מיט צוויי ווענט. די אַסיריער האָבן אויפגעבויט אַ וואָגן און אים צוגעפירט צו דער וואַנט. די סאָלדאַטן אין וואָגן האָבן שפּיזן, זיי ווילן דורכברעכן די ווענט. ווי נאָר זיי וועלן מאַכן אַ לאָך אין וואַנט, וועלן די סאָלדאַטן דורכשפּאַרן זיך, אַריינרייסן זיך אינווייניק און פאַרכאַפּן די שטאָט.

גלות . . . .          מנהג . . . .





**אידן ברענגען טריבוט.**

אידן ברענגען טריבוט צום אַסירישן קעניג ער זאָל זיי צו רו לאָזן און ניט אומברענגען זייער לאַנד. דאָס בילד איז געווען אויפגעמאָלן אויף אַן אַסירישן דענקמאָל.

# פאַרטריבן אין גלות.



אויפ׳ן בילד זעט מען אַן אַסירישן סאָלדאַט מיט באַבילאָניער, וואָס ער האָט גענומען געפאַנגען. די געפאַנגענע ווערן פאַטריבן פון זייערע היימען און ווערן פאַרשיקט קיין אַסיריע. אין דער פרעמד וועלן די געפאַנגענע פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן.

די געפאַנגענע פלעגן דעם גאַנצן וועג מוזן גיין צופוס. דער וועג פלעגט זיין אַ לאַנגער און די רייזע פלעגט נעמען אַ פאָר וואָכן אָדער אַ פאָר מאָנאַטן לאַנג.

אַ סך קליינע קינדער פלעגן אויסשטאַרבן אויפן וועג.

די מענער, וואָס ווערן געוויזן אויפן בילד, זיינען אַלע יונגע מענשן. עס מאַכט ניט אויס וואָס זיי טראָגן בערד. ס׳איז געווען אַזאַ מנהג אין דער אַלטער וועלט צו טראָגן בערד.



אַיינוואוינער פון פאַלעסטינע (אפשר זיינען דאָס אידן?) ווערן פאַרטריבן אין גלות.

# 14. די געשיכטע פון מלכות יהודה, די פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן אין יהודה און דער אויפטריט פון ישעיהו

א) וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט דער אונטערגאַנג פון מלכות ישראל געהאַט אויף די אידן פון יהודה?

ב) ווער איז געווען ישעיהו? וואָס פאַר אַ קאַמף האָט ער אָנגעפירט?

ג) וואָס איז געווען זיין טרוים פון דער צוקונפט?

ד) מיט וואָס זיינען די גרויסע נביאים געווען אַנדערש פון די ערשטע נביאים?

ה) וואָס האָט געמיינט „אַ זעער"?

ו) ווער זיינען געווען די בני הנביאים? ווי פלעגן זיי זיך אַריינברענגען אין באַגייסטערונג?

| | |
|---|---|
| קרבן (קאָרבן) | יהוה (יאַהאַווע) |
| קרבנות (קאָרבאָנעס) | בני־הנביאים (בניי־האַנוויאים) |

## ווי האָבן די אידן פון יהודה אויפגענומען די נייס פון שרעקלאַכן אומגליק?

(שטעל דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס וואָס דו האלטסט פאר ריכטיק.)

נאָכדעם ווי די אַסיריער האָבן פאַרטריבן די אידן פון מלכות ישראל האָבן די אידן פון מלכות יהודה

— געפרייט זיך וואָס די צען שבטים זיינען ענדלאַך באַשטראָפט געוואָרן.

— געשראָקן זיך אז מיט דער מלוכה פון יהודה זאָל ניט פאָר־קומען דאָס אייגענע וואָס מיט מלכות ישראל. ווער וויים, אפשר וועלן נאָך די אַסיריער קומען אויך קיין יהודה?

די אידן האָבן

— גענומען צוהערן זיך צו די רייד פון די נביאים.

— פיינט געקראָגן די נביאים, וואָס האָבן געהאלטן אין איין שטראָפן און שרעקן.

## די רייד פון ישעיהו הנביא.

(פראַגמענטן)

אייערע הענט זיינען פאַרפלעקט אין בלוט.

וואַשט זיך אַרום, רייניקט זיך,

מיינע אויגן זאָלן ניט זען אייערע שלעכטע מעשים;

הערט אויף צו טאָן שלעכטס, לערנט זיך אויס טאָן גוטס;

זוכט דעם אמת; האלט אָפּ דעם געוואַלד־טוער;

באַשיצט דעם יתום, שטעלט זיך איין פאַר דער אַלמנה!

. . . . . . . . . . . . . . . . .

וויי צו די, וואָס זאַמלען אויף אַ הויז נאָך אַ הויז,

פאַרכאַפּן אַ פעלד נאָך אַ פעלד,

אַזוי אַז פאַר אַנדערע בלייבט קיין אָרט ניט. . . . .

און דערפאַר . . . . .

אָט די צאַלרייכע הייזער וועלן זיין ליידיק,

די גרויסע און שיינע (הייזער) וועלן בלייבן אָן איינוואוינער.

און דערפאַר —

וועט דאָס פאָלק אַוועקגיין אין געפאַנגענשאַפט אומגעריכטערהייט,

און זיינע מכובדים וועלן הונגערן,

און די אויסברענגער וועלן זיך מאַטערן פון דאָרשט.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

און עס וועלן זיך איינבויגן די מענשן

און זיי וועלן ערנסט ווערן,

און די אויגן פון די גרויסהאַלטער

וועלן זיך אַראָפּלאָזן.

## ווער זיינען געווען די נביאים?

וואָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן די ערשטע נביאים און די גרויסע נביאים?

שטעלט אַוועק דעם צייכן פ אַ ל ש לעבן יענע דערקלערונגען, וואָס דו מיינסט אַז זיי זיינען פאַלש, און דעם צייכן ר י כ ט י ק לעבן יענע דערקלערונגען, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק.

— די ערשטע נביאים זיינען געווען פונקט אזוי ווי די גרויסע נביאים.

— עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די ערשטע און די גרויסע נביאים.

— די נביאים פלעגן פאָראויסזאָגן די צוקונפט.

— דאָס וויכטיקסטע פון די נביאים איז געווען וואָס זיי האָבן געקענט טרעפן די צוקונפט.

— די נביאים זיינען אויך היינט באַליבט און פאַרהייליקט, ווייל זיי זיינען געווען די ערשטע קעמפער פאר גערעכטיקייט אין דער אַלטער וועלט.

— די פאַרשטעלונגען וועגן גאָט זיינען ביי די אידן אַלעמאָל געווען די זעלבע.

— אין מדבר האָבן זיך די אידן פאָרגעשטעלט יהוה׳ן א סך אַנדערש ווי די נביאים האָבן זיך פאָרגעשטעלט גאָט.

— א לאַנגע צייט האָבן זיך די אידן פאַרגעשטעלט אַז יהוה איז נאָר דער גאָט פון די אידן. איטלאַכס פאָלק האָט זיך זיין גאָט. יהוה איז געווען דער אידישער גאָט.

— די נביאים האָבן געגלויבט, אַז זיי רעדן אין נאָמען פון גאָט.

— די נביאים האָבן געקעמפט פאַר גערעכטיקייט — די שטאַרקע זאָלן ניט אונטערדריקן די שוואַכע, די רייכע זאָלן ניט אָפּנאַרן און טאָן שלעכטס די אָרימע לייט.

— די נביאים האָבן אַלעמאָל געהאַלטן מיטן קעניג, געהאָלפן דעם קעניג, געקעמפט קעגן פאָלק.

די נביאים האָבן געלערנט אַז יהוה האָט ניט ליב קיין קרבנות. ער וויל מענשן זאָלן זיין ערלאַך און גוט. ער וועט באַשטראָפן די אידן, פאַרטרייבן זיי פון זייער לאַנד אויב זיי וועלן בלייבן פאַרדאָרבן.

— די נביאים האָבן אָפּגענאַרט דאָס פאָלק.

— די נביאים האָבן געגלויבט אַז יהוה איז דער גאָט פון די אידן און וואָס די אידן זאָלן ניט טאָן, וועט יהוה אַלעמאָל סיי ווי זיין גוט צו זיי.

— די גרויסע נביאים פלעגן זיך ניט דאַרפן באַרוישן מיט וויין אָדער אַריינברענגען זיך דורך ווילדע טענץ אין באַגייסטערונג.

— די גרויסע נביאים פלעגן ניט פאַרשרייבן זייערע רייד אין ביכער.

— די גרויסע נביאים האָבן זיך פאָרגעשטעלט יהוה׳ן ווי דעם גאָט פון דער גאַנצער וועלט, וואָס משפט די מענשן לויט גערעכטיקייט.

— די ערשטע נביאים, די בני הנביאים, האָבן גערופן דאָס פאָלק אין קאַמף קעגן די כנענים און פלשתים.

זיי גרייט צו דערקלערן פאַרוואָס די ענטפערס וואָס דו האָסט באַצייכנט אַלס פאַלש, זיינען טאַקע פאַלש און ניט ריכטיק.

## 15. די סאָציאַלע און רעליגיעזע רעפאָרמען אין צייט פון יאָשיהו'ן

(דער ספר דברים), די געזעצן וועגן קנעכט, חובות, טאָג־לוינער און פרעמדע.

א) וואָס פאַר אַ רעפאָרמען האָט דורכגעפירט דער קעניג יאשיהו ?

ב) אונטער וועמעס איינפלוס זיינען די רעפאָרמען דורכגעפירט געוואָרן ?

ג) וואָס זיינען די געזעצן אין דברים וועגן קנעכט ?

ד) וואָס איז די באַשטימונג וועגן חובות ?

ה) וואָס פאַר א צושטאַנד האָט די נייע באַשטימונג וועגן חובות געזוכט אָפּצושאַפן ?

ו) וואָס זיינען געווען די באַשטימונגען וועגן טאָג־לוינער ?

ז) וואָס פאַר אַ באַמערקונג איז דאָרט פאַראַן וועגן גרים ?

ח) וואָס פאַר אַ וויכטיקייט האָט די שטאָט ירושלים געקראָגן ?

ט) פאַרוואָס זיינען די מערסטע באַשטימונגען פון ספר דברים ניט אויסגעפירט געוואָרן ?

### אָן וואָס דערמאָנט עס דיך ?

| | |
|---|---|
| 1) . . . רעפאָרמען | א) ווען מען קומט איינעם געלד. |
| 2) . . . חובות | ב) ווען מען האָט אויף איינעם אַ ווירקונג. |
| 3) . . . טאָג־לוינער | ג) גרויסע ענדערונגען אין לעבן. |
| 4) . . . איינפלוס | ד) וואָס מען מוז טאָן. |
| 5) . . . פאַראָרדנונגען | ה) מענשן וואָס אַרבעטן פון טאָג. |

# די געזעצן פון ספר דברים

## וועגן באַפרייען אַ קנעכט.

אַז דיין ברודער אַ איד, אָדער אַ אידישע פרוי, וועט זיך פאַר־קויפן צו דיר, זאָל ער דיר דינען זעקס יאָר, און אויפן זיבעטן יאָר זאָלסטו אים אַרויסלאָזן פריי.

און אַז דו לאָזט אים אַרוים פריי, זאָלסטו אים ניט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן; באַשענקען זאָלסטו אים פון דיינע שאָף, און פון דיין שייער, און פון דיין קעלטער; און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים. . . .

און עס זאָל ניט שווער זיין אין דיינע אויגן, וואָס דו לאָזט אים אַרוים פריי, וואָרום טאָפּלט ווי פאַר דעם לוין פון אַ לוין־אַרבעטער האָט ער דיר געדינט זעקס יאָר.

## וועגן אַן אַנטלאָפענעם קנעכט.

דעם קנעכט, וועלכער איז צו דיר אַנטלאָפן פון זיין האַר, גיב אים ניט אַרוים, זאָל ער בלייבן אין דיין נחלה, און דעם אָרט, וואָס ער וועט זיך אויסקלייבן, אין איינעם פון דיינע וואוין־ערטער, וואו אים וועט געפעלן — באַדריק אים ניט.

## וועגן לוין־אַרבעטער.

אונטערדריק ניט דעם געדונגענעם אַרבעטער, דעם אָרימען און נויטבאַדערפטיקן פון דיינע ברידער אָדער פון די פרעמדע, וואָס לעבן אין דיין לאַנד, אין דיינע וואוין־ערטער. און דעם זעלביקן טאָג גיב אים אָפּ זיין לוין, איידער די זון וועט אונטערגיין, ווייל ער איז אָרים און גאַרט אים צו באַקומען. ווען ניט וועט ער זיך קלאָגן פאַר מיר איבער דיר, און דאָס וועט דיר גערעכנט ווערן פאַר אַ זינד.

משפט ניט אומגערעכט דעם פרעמדן און דעם יתום. געדענק אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט אין מצרים. דערפאַר הייס איך דיר באַגיין זיך אַזוי.

## ווענן אָרימע.

ווען דו ווערסט שניידן אויפן פעלד און דו וועסט פארגעסן א גארב אויפן פעלד, קער זיך ניט אום אויף צו נעמען אים; זאָל ער בלייבן פארן פרעמדן, פארן יתום און פאר דער אלמנה.

ווען דו וועסט אראפּשלאָגן דיינע איילבערטן, קוק ניט אַרום די צווייגן; זאָל זיין דאָס, וואָס איז געבליבן אויף זיי, פארן פרעמדן, פארן יתום און פאר דער אלמנה.

ווען דו וועסט אראָפּנעמען דיינע ווייִנטרויבן אין דיין ווייִנגאָרטן, קלייב ניט אראָפּ נאָכאמאָל די געבליבענע ווייִנטרויבן; זאָלן זיי בלייבן פארן פרעמדן, פארן יתום און פאר דער אלמנה; און געדענק, אז דו ביסט געווען א קנעכט אין לאנד מצרים דערפאר הייס איך דיר אויך באגיין זיך אזוי.

## ווענן אַנטלייען געלט.

זאָלסט ניט לייען דיין ברודער אויף צינזן, צינזן פון געלט, צינזן פון עסנוואַרג, צינזן פון יעטוועדער זאַך וואָס טראָגט צינזן.

## ווענן עלטערן און קינדער.

עלטערן דארפן ניט באשטראָפט ווערן מיט טויט פאר זייערע קינדער, און קינדער דארפן ניט באשטראָפט ווערן מיט טויט פאר זייערע עלטערן. יעדערער דאַרף געשטראָפט ווערן מיט טויט פאר זיינע אייגענע זינד.

## ווענן פריינטשאַפט.

ווען דו וועסט זען א פארבלאָנדזשעטן אָקס אָדער שעפּס פון דיין ברודער, זאָלסטו זיך ניט אָפּקערן פון זיי, נאָר ברענג זיי צוריק צו דיין ברודער.

און ווען דיין ברודער וואוינט ווייט פון דיר, באהאלט זיי אין דיין הויז, ביז דיין ברודער וועט קומען נאָך זיי, און דו וועסט זיי דעמאָלט אים אָפּגעבן.

אזוי באַדאַרפסטו זיך אויך באַגיין מיט אַן אייזל מיט א קלייד און מיט יעדער זאַך, וואָס דיין ברודער וועט פארלירן, און וואָס דו וועסט געפינען. פון קיין זאך דאַרפסטו דיך ניט אָפּקערן.

ווען דו וועסט זען, אז דיין ברודער׳ס אייזל אָדער אָקס איז געפאַלן אין וועג, זאָג אים ניט אָפּ אין הילף, נאָר העלף אים אויפשטיין.

## וועגן מערדער.

דריי שטעט זאָלסטו אויסטיילן אין דיין לאַנד, און עס זאָל זיין צו אַנטלויפן פאַר איטלאַכן מערדער. און דאָס איז דאָס געזעץ וועגן מערדער, וואָס מעג אַנטלויפן אַהין און בלייבן לעבן.

דער וואָס וועט הרגענען זיין חבר ניט ווילנדיקערהייט, און ער איז אים ניט קיין פיינט פון נעכטן און אייערנעכטן.

דער וואָס וועט גיין מיט זיין חבר אין וואַלד אַריין האַקן האָלץ, און עס וועט געשטויסן ווערן זיין האַנט צו האַקן דעם בוים, נאָר דאָס אייזן וועט אַראָפּפאַלן פון האָלץ און טרעפן דעם חבר, און ער וועט שטאַרבן — יענער מעג לויפן אין איינער פון די דאָזיקע שטעט און בלייבן לעבן.

## יאַשיהו׳ס רעפאָרמען.

| | |
|---|---|
| יאשיהו האָט דורכגעפירט אין לאַנד גרויסע — — — | חובות |
| דער יונגער יאשיהו איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די — — — — — — — — — — — | קנעכט |
| די רעזולטאַטן פון זיינע רעפאָרמען זיינען געווען זייער — — — — — — — — — — — | לעבן |
| די שטאָט ירושלים איז געוואָרן דער צענטער פון אידישן — — — — — — — — — — — | עגיפטן |
| אַלע ימים-טובים האָבן געדאַרפט געפייערט ווערן אין — — — — — — — — — — — | רעפאָרמען |
| די וויכטיקסטע פאַראָרדנונגען זיינען געווען וועגן — | ירושלים |
| אויך וועגן די פויערים, וואָס האָבן געקומט גרויסע — | דורכגעפירט |
| ליידער איז דער גרעסטער טייל רעפאָרמען געבליבן ניט — — — — — — — — — — — — | וויכטיקע |
| יאשיהו איז יונג געשטאָרבן אין קאַמף מיט — — — | נביאים |

נאָכדעם ווי איר האָט אַלע דיסקוטירט אין קלאַס וועגן יאשיהו׳ס רעפאָרמען, פאַרשרייב ביי זיך אין אַרבעטס-בוך די וויכטיקסטע רעפאָרמען און דערקלער מיט וואָס זיינען זיי וויכטיק.

די וויכטיקסטע פון יאשיהו׳ס רעפאָרמען זיינען געווען:

# 16. די הערשאַפט פון די באַבילאָניער

א) ווער זיינען געווען די באַבילאָניער ?

ב) וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן די באַבילאָניער געהאַט אין פּאַלעסטינע ?

ג) וואָס זיינען געווען די באַציאונגען צווישן יהודה און בבל פון אָנפאַנג ?

ד) וואָס זיינען געווען די אורזאַכן פון דעם אויפשטאַנד קעגן בבל ?

ה) ווער איז געווען ירמיהו און וואָס האָט ער געפּריידיקט ?

ו) פאַרוואָס איז ירמיהו אַרויסגעטראָטן קעגן פירן מלחמה מיט בבל ?

## דער נביא ירמיהו.

### ירמיהו האָט צוגערעדט די אידן

(שטעל אוועק א „ר" לעבן די ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק און א „פ" לעבן די ענטפערס וואָס דו האַלטסט פאַר פאַלש.)

— זיי זאָלן אָנהייבן אַ קאַמף קעגן די באַבילאָניער און באַפרייען זיך פון פרעמדן יאָך. „וואָס איז אַ לעבן אָן פרייהייט? בעסער טויט איידער שקלאַפעריי."

— זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, צאָלן די באַבילאָניער צינז און אַלע כוחות בעסער אַוועקגעבן צו פאַרבעסערן זיך אַליין, אָפּשאַפן שלעכטס און אומגערעכטיקייט אין לאַנד.

### דאָס פאָלק און די האַרן האָבן ירמיהו'ן

— געפאָלגט, געטאָן ווי ער האָט זיי געלערנט.

— פיינט געקראָגן.

— פאַרפאָלגט, אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש.

— געטויט.

### די באַבילאָניער האָבן ירמיהו'ן

— געטויט.

— איבערגעלאָזן אין לאַנד, פריינדלאַך באַצויגן זיך צו אים.

— פאַרטריבן קיין בבל.

### ירמיהו איז געווען

— אַ גרויסער פריינד פון די אידן.

— אַ שונא פון זיין אייגענעם פאָלק.

— אַ קראַנקער מענש, אַ בייזער און אַ שלעכטער.

— אַ מענש וואָס האָט געזען אין פאָראויס וואָס עס וועט אַרויס-קומען פון אַ קאַמף קעגן בבל.

## פאַרטריבן אין געפאַנגענשאַפט



דאָס זיינען געפאַנגענע, וואָס די אַסיריער האָבן פאַרנומען. איין געפאַנגענער טרייבט צוויי אָקסן, וואָס אַן אַסירישער סאָלדאַט האָט צוגענומען פון אַ פּאַרמער. אַן אַנדער געפאַנגענער טראָגט אַ וואַזע אויפן אַקסל.

דער וואָגן איז פול מיט רויב וואָס די אַסיריער האָבן פאַרנומען. אַ טיש, אַ בעט, אַ קאָרב.

דער געפאַנגענער וואָס גייט הינטער אַלעמען, די הענט געבונדן, האָט מסתמא פריער געוואָלט אַנטלויפן. דאָס איז זיין שטראָף.

דערמאָנט עס דיר אָן בילדער פון דער אידישער געשיכטע? וועלכע?

ווער פון אייך, קינדער, וואָלט געקענט אָנשרייבן די לעבנס־געשיכטע פון ירמיהו הנביא, אָדער ענטפערן שריפטלאַך אויף אַלע פראַגן וועגן דעם לעצטן קאַמף צווישן יהודה און בבל, אָדער אַליין צוזאַמענשטעלן „ריכטיק און פאַלש” פראַגן וועגן ירמיהו'ן און זיין קאַמף קעגן די האָרן?

# 17. דער חורבן פון ירושלים - די אידן ווערן פאַרטריבן קיין בבל

א) פאַרוואָס איז מלכות יהודה אונטערגעגאַנגען ?

ב) ווי האָבן זיך די באבילאָניער באַנומען מיט די געפאַנגענע אידן ?

ג) וואָס פאַר אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָבן די באבילאָניער פאַרטריבן אין גלות און וועמען האָבן זיי איבערגעלאָזט אין לאַנד ?

ד) ווער איז געווען גדליה ?

ה) פאַרוואָס זיינען די אידן נאָך זיין טויט אַוועק קיין עגיפּטן ?

## כסדר.... מלחמה.... שלום.... גלות....

## מלכות ישראל און מלכות יהודה זיינען אונטערגעגאַנגען.

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס וואָס די האַלטסט פאַר ריכטיק.)

— ווייל פּאַלעסטינע איז אַ בריק צווישן לענדער. פון איין זייט געפינט זיך בבל און אשור, פון דער אַנדער זייט עגיפּטן.

— ווייל די מדבר פעלקער פלעגן כסדר אַנפאַלן אויף די אידן.

— די אידן זיינען געווען צעריסן צווישן זיך, צעטיילט אין באַזונדערע מלוכות, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע כסדר באַקעמפט.

— ווייל אין פאָלק איז ניט געווען קיין שלום. די רייכע האָבן אונטערדריקט די אָרימע.

— ווייל די אידן זיינען אַ פאָלק, וואָס האָט ניט ליב צו פירן קיין מלחמות. אידן האָבן ליב שלום. בעסער קנעכטשאַפט איידער קאַמף.

דיסקוטיר אין קלאַס דיינע ענטפערס. זיי גרייט דיינע ענטפערס צו פאַרטיידיקן. אויב דו האָסט געמאַכט אַ טעות זיי ניט איינגעשפּאַרט. פאַרשטיי, אַז אויך דער צווייטער קען זיין גערעכט.

אויב דו געפינסט אויס, אַז די ענטפערס וואָס ווערן דאָ געגעבן זיינען ניט גענוג, נעמען ניט אַלץ אַרום, גיב צו דיינע אייגענע.

### די אידן פון יהודה ווערן פאַרטריבן אין גלות



## ווער איז אַוועק און ווער איז פאַרבליבן ?

שטרייך אוים דאָס וואָרט ג י ט דאָרט, וואו עס דאַרף ניט זיין. לאָז אים איבער דאָרט, וואו עס דאַרף זיין.

די אידן פון מלכות ישראל זיינען ניט פאַרלאָרן געגאַנגען.

מיר שטאַמען ניט אָפּ פון די אידן פון מלכות יהודה.

די אַסירער האָבן פאַרטריבן די אידן פון מלכות ישראל און מיר ווייסן מער ניט פון זיי.

די באַבילאָניער האָבן ניט פאַרטריבן אַלע אידן פון לאַנד.

זיי האָבן ניט פאַרטריבן, די געלערנטע, די פירער, די כהנים, די בעלי־מלאכות.

זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט אין לאַנד די אָרימע פויערים.

פאַלעסטינע איז מער ניט געווען דאָס איינציגע לאַנד וואו אידן האָבן געלעבט.

די דריי צענטרען וואו אידן האָבן געלעבט זיינען איצט געווען:

(שטעל דעם צייכן + לעבן דעם ענטפער וואָס דו האַלסט פאַר ריכטיק.)

— מלכות ישראל, מלכות יהודה, עגיפטן.

— בבל, פאַלעסטינע, עגיפטן.

— עגיפטן, מלכות יהודה, מדבר.




מיטלענדישער ים
פעניציער
מלכות ישראל
פלשתים
מלכות יהודה
מדבר שבטים

## וואָס איז געשען פריער, און וואָס איז געשען שפּעטער?

שטעל אוים אין אַן אָרדנונג די פאָלגנדיקע פּאַסירונגען:

— די מלוכה ווערט צעשפּאָלטן.

— די אַראַמייער באַפאַלן מלכות ישראל.

— די באַבילאָניער פאַרטרייבן די אידן פון מלכות יהודה.

— דער נביא ירמיהו טרעט אויף.

— דער נביא עמוס טרעט אויף.

— אליהו הנביא טרעט אויף אין ישראל.

— דער קעניג יאשיהו פירט איין רעליגיעזע און סאָציאַלע רעפאָרמען.

— די אַראַמייער און די אידן פון מלכות ישראל שליסן אַ בונד קעגן די אַסיריער.

— די אַסיריער פאַרטרייבן די אידן פון מלכות ישראל.

## מענשן און פּאַסירונגען

| | | |
|---|---|---|
| דוד | ירבעם | אליהו |
| משה | שאול | שלמה |

——— האָט אַרויסגעפירט די אידן פון עגיפּטן.

——— האָט פאַראייניקט די אידן אין אַ מלוכה.

——— האָט איינגעפירט האַנדל אין לאַנד, געבויט פּאַלאַצן.

——— האָט געקעמפט פאַר גערעכטיקייט.

——— האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן שלמה׳ן.

| | | |
|---|---|---|
| ירמיהו | ישעיהו | יאשיהו |

——— האָט פאַראויסגעזען אַ צייט ווען מענשן וועלן איבער־שמידן די שווערדן אין אַקעראייזנס און מען וועט זיך מער ניט לערנען ווי צו פירן מלחמה.

——— האָט דורכגעפירט אין יאָר 621 פ. ק. וויכטיקע רעפאָר־מען. אַ קנעכט האָט באַדאַרפט באַפרייט ווערן אויפן זיבעטן יאָר, די שטאָט ירושלים איז געוואָרן דער צענטער פון פאָלקס־לעבן.

——— האָט געוואָרנט די אידן ניט אָנצוהייבן קיין מלחמה קעגן בבל, איז שפּעטער אַוועק מיט די אידן קיין עגיפּטן.

| | | |
|---|---|---|
| פעניציער | עגיפּטער | אַסירייער |
| אַראַמייער | באַבילאָניער | |

——— האָבן באַקעמפט די אידן און שפּעטער געשלאָסן מיט זיי אַ בונד קעגן אַשור.

— האָבן פאַרטריבן די אידן פון מלכות ישראל.

——— האָבן געפירט אַ גרויסן וועלט־האַנדל.

——— האָבן פאַרטריבן די אידן פון מלכות יהודה.

——— האָבן צוגעזאָגט די אידן הילף און אָפּגענאַרט.

# די געשיכטע פון דער צעטיילטער מלוכה.

(קאָלעקטיווע ארבעט)

| יאָרן | יאָרהונדערט | וואָס איז פאָרגעקומען ביי די פעלקער ארום ישראל? | וואָס איז פאָרגעקומען אין מלכות ישראל? | וואָס זיינען געווען די באַציאונגען צווישן יהודה און ישראל? | וואָס איז פאָרגעקומען אין מלכות יהודה? | וואָס איז פאָרגעקומען ביי די פעלקער ארום יהודה? |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | |